STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10960

RATNMAKHT

Y. Lvovski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10960-6

9780657109608T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

הויפּטפּאָליטבילד
אלרוסלענדישע אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע פאַר ליקווידירן די אמעראַצעס

י. לוואָווסקי, ג. ענטין

ראַטנמאַכט

לייען-בוך פאַר שולן און קרייזן
פון ווייניק - שריפטקענעוודיקע

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע 1929

КНИЖНАЯ ФАБРИКА
ЦЕНТРАЛЬНОГО
ИЗДАТЕЛЬСТВА
НАРОДОВ СССР
МОСКВА ШЛЮЗОВОЙ
ПРОЕЗД ДОМ №6

Главлит А 28979
Тираж **4.000** экз.

Заказ № 2385

דורך די ראַטן צום מאַסן-אָנטייל
פון אַלע אַרבעטנדיקע
אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג!

איזי כאַריק

* * *

און ווען דאס לאַנד האָט זיך צערודערט און צערעדט
מיט טויזנט פויסטן, טויזנט הימנען אין איין אָטעם,—
האָט זיך צעטראָגן דאַן אַן אייליקער דעקרעט
פון אוראַלער בערג ביז מינסקער בלאָטעס...

יעדערער פון אונז — מיט אומרואיקן ווייטיק
אין ווערמעס לעבן עס האָט אַרבעט שטרענג געשטראָמט.
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך גרייטן,
— זאָל זיך לערנען אַף אַריין אין סאָוונאַרקאָם!

יעדער איינער איז אַצינד שוין ניט קיין איינער,
יעדער קאָפּ — איז איצט אַ קאָפּ פון טויזנט קעפּ.
מיר מוזן איצט צוזאַמען און פאַרייניקט — — —
— נידער מיט...
— און נידער!
— און — עס לעבט — — —!

די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע און די ראַטן

ביז 1917 יאָר האָבן אין רוסלאַנד געהערשט די פּריצים, די בור-זשואַזיע און דער קייסער.

די ערד האָט געהערט צו די פּריצים, די פאַבריקן און זאַוואָדן דער בורזשואַזיע און דעם קייסער, דעם אַליינהערשער, האָט געהערט גאַנץ רוסלאַנד.

שווער, אומגעהויער שווער איז געווען די לאַגע פון די אַרבעטער און פויערים אין צאַרישן רוסלאַנד. אין די פאַבריקן האָט מען געאַר-בעט 10—12 שאָ אַ טאָג פאַר אַ נישטיקן אַרבעטלוין. די פויערים האָבן געלעבט אין אייביקע דאַכקעס און נויט. זיי האָבן שטענדיק ביטער געהאָרעוועט אַף די פּריצים און אַפן קייסער און שטענדיק זיי נאָך שולדיק געווען (אַרענדע פאַר דער ערד, צינזן א. א.).

אין לאַנד האָט געהערשט פינצטערניש, שרעקלעכע אָפּגעשטאַ-נענקייט און דערשלאָגנקייט. איבער אַלץ און אַלעמען האָבן געוויל-דעוועט די צאַרישע זשאַנדאַרמען און טשינאָווניקעס.

נאָך ערגער, נאָך אומדערטרעגלעכער איז געווען די לאַגע פון די ניט-רוסישע פעלקער, באַזונדערס פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

צענדליקער יאָרן האָט דער רוסלענדישער אַרבעטער-קלאַס און דאָס פויערטום געפירט אַן העראָישן און בלוטיקן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג און מיטן גאַנצן צאַרישן רעזשים.

די באָלשעוויקעס בעראָש מיט כ׳ לענין האָבן אָנגעפירט מיטן קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס. דער כ׳ לענין האָט געלערנט דעם רוס-לענדישן פּראָלעטאַריאַט, האָט געוויזן דעם וועג און די מיטלען, ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם צאַריזם און די בורזשואַזיע.

אין פעווראַל 1917 יאָר האָט דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט אָפּגעהאַלטן זיין ענדגילטיקן ניצחון איבערן צאַרישן רעזשים.

נאָך דריי יאָר אימפּעריאַליסטישער בלוטיקער מילכאָמע זיינען די אויסגעהונגערטע, אויסגעמוטשעטע אַרבעטנדיקע מאַסן אויפגע-שטאַנען. עס האָט אויסגעבראָכן די פעווראַלער רעוואָלוציע. דער קיי-סער איז אַראָפּגעשלייִדערט געוואָרן פון טראָן און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ סאָף מיט דער דעספּאָטישער זעלבסטהערשונג.

די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אָבער נאָך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען די נויטיקייט אַליין איבערצונעמען די מעלוכע-מאַכט. די מאַכט איז דעריבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע.

די אַרבעטער-ראַטן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן נאָך אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין 1905 יאָר, און האָבן עקזיסטירט דאַן געציילטע וואָכן, האָבן אין פעווראַל 1917 יאָר ווידער אויפגעלעבט. זיי האָבן דורכגעמאַכט די פעווראַלער רעוואָלוציע, אָבער קיין מעלוכע-מאַכט, קיין מעלוכע-אָרגאַנען זיינען זיי ניט געוואָרן.

די פשאָרעמאַכערישע פאַרטייען, די מענשעוויקעס און עסערן, וואָס האָבן דאַן אָנגעפירט מיט די ראַטן, האָבן מיט אַלע מיטלען אונטערגעהאַלטן די בורזשואַזע צייטווייליקע רעגירונג. זיי האָבן אַפילע הערן ניט געוואָלט דערפון, אַז די ראַטן זאָלן איבערנעמען די מעלוכע-מאַכט אין זייערע הענט.

די באָלשעוויקעס מיטן כ׳ לענין אין דער שפיץ האָבן אין משעך פון פעווראַל ביז אָקטיאַבר דורכגעפירט אַ קאָלאָסאַלע רעוואָלוציאָנעלע אַרבעט אין לאַנד.

אונטערן לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די ראַטן“ האָבן זיי געפירט די מאַסן צום אָקטיאַבר-אויפשטאַנד. דער גלענצנדיק דורכגעפירטער באַוואָפנטער אָקטיאַבר-אויפשטאַנד האָט אַ סאָף געמאַכט מיט דער צייטווייליקער רעגירונג, מיט דער בורזשואַזער הערשאַפט אין לאַנד. די גאַנצע מעלוכע-מאַכט איז אַריבער צו די אַרבעטער-ראַטן.

אין זייערע ערשטע דעקרעטן האָבן די אַרבעטער און פויערשע ראַטן גלייך דערקלערט, אַז די פאַבריקן און זאַוואָדן, די ערד מיט אירע רייכטימער גייען איבער צו די אַרבעטנדיקע. די ראַטן האָבן גלייך דערקלערט שאָלעם די אַלע מעלוכעס, וואָס האָבן דאַן מילכאָמע געהאַלטן מיט רוסלאַנד. די ראַטן האָבן דערקלערט פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער א. א. וו.

אין אָקטיאַבר 1917 יאָר זיינען די ראַטן בעעמעס געוואָרן די איינציקע פראָלעטאַרישע מעלוכע-מאַכט אין לאַנד.

רום צו די קעמפער, וואָס האָבן אָפגעגעבן זייער לעבן פאַר דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַר דער ראַטן-מאַכט.

נ. לענין

אַ נייער טיפּ מעלוכע

„... מיר האָבן אין עטלעכע טעג צעשטערט איינע פון די עלטסטע, מעכטיקסטע, סאַמע באַרבאַרישע, סאַמע אַכזאָריעסדיקע מאָנאַרכיעס. מיר זיינען אין עטלעכע כאַדאָשים דורכגעגאַנגען אַ ריי עטאַפּן פון פשאָרע-מאַכעריי מיט דער בורזשואַזיע, אויסגעלעבט קליינבירגערלעכע אילוזיעס, וואָס אַנדערע לענדער האָבן אַף דעם געדאַרפט יאָר-צענטן. מיר האָבן אין עטלעכע וואָכן, שוין האָבנדיק אַראָפּגעוואָרפן די בורזשואַזיע, בייגעקומען איר אָפענעם ווידערשטאַנד אינם בירגער-קריג...

מיר האָבן איינגעפירט און באַפעסטיקט די ראַטן-רעפּובליק, אַ נייעם טיפּ מעלוכע, אָן אַ מאָס אַ העכערן און דעמאָקראַטישערן איידער די בעסטע פון די בורזשואַז-פּאַרלאַמענטארישע רעפּובליק.

...דער ציל אונזערער איז צוציען די גאַנצע אָרעמקייט, ביז לעצטן מענטשן, צום פּראַקטישן אָנטייל אין דער פּאַרוואַלטונג. דער אַריבערגאַנג דערצו איז באַזונדערס שווער, אָבער בלויז אינם דאָזיקן אַריבערגאַנג איז די גאַראַנטיע פון דער ענדגילטיקער פּאַרפעסטיקונג פונם סאָציאַליזם.

...דער קאַמף מיטן ביוראָקראַטישן פּאַרקריפּלען די ראַטן-אָרגאַניזאַציע ווערט געזיכערט דורך דער פעסטקייט פונם צוזאַמענבונד פון די ראַטן מיטן „פּאָלק” פון האָרעפּאַשניקעס און עקספּלואַטירטע.

...גראָד די נאָענטקייט פון די ראַטן צום „פּאָלק” האָרעפּאַשניקעס באַשאַפט די באַזונדערע פאָרמען פון אָפּרופן און דער קאָנטראָל פון אונטן, וועלכע דאַרפן איצטער מיט אַ באַזונדערער פלייסיקייט אַנטוויקלט ווערן.

...דער קאָנטראָל פון אונטן איז נויטיק, קעדיי צו פּאַראַליזירן, יעדן שאָטן פון מעגלעכקייט צו פּאַרקריפּלען די ראַטנמאַכט, קעדיי אַרויסצורייסן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און אָן אויפהער דאָס ווילדע גראָז פון ביוראָקראַטיזם.*

געשריבן אין מאַרט — אַפּרעל 1918.

---

* לענין-ביבליאָטעק (אין אידיש)—ב. VI, טייל 1, זז. 105, 143, 144 און 145.



א. פעפער

איליטש

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ צו אַלע...
אַ שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פּאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אַף הוילע קעפּ.

באַם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אַזוי ווייט, און טאָג איז אַזוי שוואַרץ
ס'איז דאָ אַזויפיל פראָסטער לענינס וואונדער
אין אונזער שטאָלענעם און וויינענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ פון אַלע,
אַן אַנדער ראַדיאָ, אַ צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אַלע און באַ אַלע —
אין אונזער הייסן בלוט, אין שטרענגע, קאַלטע טריט.

ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס וועט אַ וועג אונז ווייזן,
און מענטשן פראָסטע איז דאָ דאָך אָן אַ צאָל,
ס'איז דאָ אַ לאַנד פון פעלדער און פון אייזן,
אַ לענין-לאנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זיינען אַלע דאָ, מיר זיינען קאָמונאַרן.
און הייס איז אונזער בלוט. און פעסט איז אונזער לאַנד
אין דערפער און אין שטעט, אַף פעלדער, טראַקטאָרן,
מיר זיינען אומעטום — מיט לענינס פאָן אין האַנט!

דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט און די ראַטן

וואָס איז אַזוינס פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור?

ווען איין פערזאָן אָדער איין קלאַס פאַרוואַלטעט מיט דער מעלוכע קעגן דעם ווילן און די אינטערעסן פון די פיינטלעכע אים קלאַסן הייסט עס דיקטאַטור.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער הערשט די בורזשואַזע דיקטאַטור. די בורזשואַזיע, דער הערשנדיקער קלאַס, פאַרוואַלטעט מיט געוואַלט מיט דער מעלוכע און אונטערדריקט אַלע איבעריקע קלאַסן.

אבער מוירע האבנדיק פארן צארן פון די פאלקס-מאסן באהאלט די בורזשואזיע אוים איר דיקטאטור. צוליב דעם פארדעקט זי און פארמאסקירט אף א קונציקן אויפן אירע געוואלטאטן.

אויסערלעך עקזיסטירט אין פארשיידענע קאפיטאליסטישע לענדער „פרייע דעמאקראטיע“. אין די מעלוכע-ארגאנען (פארלאמענט, שטאט-פארוואלטונגען א. א.) קאן קלוימערשט יעדער בירגער „פריי“ ווילן ועמען ער וויל. דאס איז אבער נאר לעפאנים, אפן פאפיר. אינדערעמעסן באזייטיקט די בורזשואזיע פון דער מאכט דורך פארשיידענע שפיצלעך די ברייטע פאלקס-מאסן, די אונטערדריקטע ארבעטער און פויערים.

בא אונז אין פסס״ר הערשט אויך א דיקטאטור, נאר א פראלעטארישע. די פראלעטארישע דיקטאטור איז איינגעשטעלט געווארן בא אונז אונטער דער אנפירונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין אקטיאבר 1917 יאר. דעמאלט האט דער פראלעטאריאט אף א רעוואלוציאנערן אויפן פארכאפט די מאכט בא דער בורזשואזיע און האט דערשטיקט יעדער מין ווידערשטאנד אירן.

בא דער פראלעטארישער דיקטאטור פארוואלטעט דער ארבעטער-קלאס מיט דער מעלוכע קעגן דעם ווילן און די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע. ער שטיצט זיך דערביי אפן פעסטן בונד מיט די ארבעטנדיקע מאסן, אין דער ערשטער ריי מיטן ארעמען און מיטעל פויערטום.

און דאס איז טאקע דער אונטערשייד פון דער בורזשואזער און פראלעטארישער דיקטאטור. בא דער בורזשואזער דיקטאטור פארוואלטעט די בורזשואזיע, א נישטיקע מינדערהייט, און געוועלטיקט איבער דער גרעסטער מערהייט פון פאלק, איבער די ברייטע ארבעטנדיקע מאסן. בא דער פראלעטארישער דיקטאטור איז, פארקערט, דער באלעבאס פון לאנד די גרעסטע מערהייט פון פאלק, אלע ארבעטנדיקע.

דער ארבעטער-קלאס פארלייקנט ניט, פארקערט, ער דערקלערט אפן, אז ער שטעלט איין זיין פעסטע און אייזערנע דיקטאטור. דער שווערער פרעס פון דער ארבעטער-דיקטאטור פאלט אבער אויסשליסלעך נאר אף די ניט ארבעטנדיקע, אף די קאפיטאליסטן און עקספלואטאטארן.

ווי אַזוי פאַרווירקלעכט דער אַרבעטער-קלאַס זיין דיקטאַטור?

„פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, — זאָגט כ׳ לענין, — איז ראַטנמאַכט“ אין די ראַטן ווערן בײַ אונז אויסגעקליבן, ווי באַוואוסט, פאָרשטייער פון אַלע אַרבעטנדיקע: פון אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, קוסטאַרן, אָרעמע און מיטעלע פּויערים א. א.

אונזערע ראַטן זיינען מעלוכע-אָרגאַנען, וואו עס ווערן אויסגעאַרבעט און אַרויסגעגעבן געזעצן און פאַראָרדענונגען, וואָס זיינען נויטיק נאָר פאַר די אַרבעטנדיקע, פאַר דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע, פאַרן בויען דעם סאָציאַליזם.

איז אָט דורך דידאָזיקע ראַטן באַגלייך מיט די פּאַרטיי- און פּראָפאָרגאַניזאַציעס פאַרווירקלעכט דער אַרבעטער-קלאַס זיין שטרעבונג צום סאָציאַליזם, פירט ער דורך אין לעבן זיין דיקטאַטור.

אונזערע ראַטן, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינען דער גרעסטער און ברייטסטער אָנשפּאַר פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור איז אָבער נישט אונזער ענד-ציל. אונזער ענד-ציל איז קאָמוניזם, ד. ה. אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואו עס וועט נישט זיין נישט קיין קלאַסן, נישט קיין מעלוכע. דעמאָלט וועט, פאַרשטענדלעך, קיין דיקטאַטור פון איין קלאַס איבערן צווייטן נישט מעגלעך זיין, ווייל עס וועלן ביכלאַל קיין קלאַסן נישט זיין.

די מעלוכע-פאָרם, וואָס הייסט פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, איז אויף אַזאַ אויפן נויטיק נאָר אינעם איבערגאַנגס-פּעריאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער צו דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

איינשטעלנדיק די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, שטעלט זיך דער אַרבעטער-קלאַס פאַר א ציל, ווי כ׳ לענין זאָגט: „אויסבויען דעם סאָציאַליזם, פאַרניכטן די פאַנאַנדערטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן, מאַכן אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַר אַרבעטנדיקע און אויסרייסן מיטן וואָרצל יעדע מעגלעכקייט, אַז איין מענטש זאָל קאָנען עקספּלואַטירן דעם צווייטן*.

---

* לענין — אַלע ווערק (אין רוסיש). באַנד 17, ז. 226—227.

מ. אי. קאַלינין

ראַטן

די ראַטן — דאָס איז דאָס געווער, מיט וועמעס הילף די אַרבע-טער און פויערים האַלטן די מאַכט אין זייערע הענט און פאַרוואַלטן מיט אונזער קאָלאָסאַלער מעלוכע.

די ראַטן אף די ערטער פאַרוואַלטן מיט די ערד-איניאָנים, מיט דער אינדוסטריע, זיי פירן אָן מיט דער פאָלקס-בילדונג, מיט דער אָר-טיקערווירטשאַפט און מיט דער וואוילאיינאָרדענונג.

ווער עס וויל אַריינטראָגן וואָסערע עס איז אויסבעסערונגען אינם אָרטיקן לעבן קאָן ער עס דורכפירן נאָר דורך די ראַטן.

אין די סאַמע שווערסטע און געפערלעכסטע קאַמפּס-מאָמענטן מיט דער אַלטער וועלט האָבן די ראַטן אונז געבראַכט דעם זיג איבער די פריצים און קאַפּיטאַליסטן. מיט אונזער געווער — די ראַטן האָבן מיר באַזיגט די ווייסגוואַרדייאישע כאַיאָלעס.

מיט און דורך די ראַטן דאַרפן מיר איצט פעסט און זיכער גיין פאָרויס צום זיג פון סאָציאַליזם.

אַ. בלאָנדער

מע קלייבט אין ראַט

דעם טאָג פון די וואַלן האָט אַ נאַסער שניי דאָס שטעטל געקוואַטשעט. איבער שמאָלע, געשלענגלטע שטעגלעך האָבן זיך צום פאָלקס-הויז געצויגן באַאַרטע אידן מיט זייערע ווייבער, אָנגעטאָן יאָנטעוודיק. געהאַלטן שמייך אין די הענט וואַל-צעטלען אָף אידיש.

געקומען צו די וואַלן איז אויך אַ נײַנציקיאָריקע זקיינע מיט צוויי אָנגעוואַקסענע וואַרצלען אָף דער קינבאַק. זי האָט געטרייסלט מיטן גרויען קאָפּ און מינט די ליפן געפּאַטשט פון פרייד:

— קינדערלעך מיינע, אַז איך האָב שוין יאָ צו אַזאַ טאָג דערלעבט, טאָ לאָמיך אויך זיין אָף דער סימכע.

מיטאַמאָל איז דאָס פאָלקס-הויז פול געוואָרן, ווי אַן אויג. ס'האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אַהין 599 ווײַלער — 260 מאַנסבלען און 239 פרויען. ווידער און ווידער וועגן די קאַנדידאַטן אין ראַט געשמועסט מיט ברען. עטלעכע הונדערט שטימעס איינע דער צווייטער איינגעטאַינעט.

און פּלוצלינג — שאַ, זיך צערוקט דער פאָרהאַנג. דער באַפולמעכטיקטער אין ראַיאָן עפנט די פאַרזאַמלונג. מען קלייבט אוים דעם פאָרזיצער. דער פאָרשטייער פון קרייז באַגריסט אין נאָמען פון די מאַכט-אָרגאַנען.

עמעצער פון פּרעזידיום לייענט דעם אָנזאָג פון די ווײַלער צו די דעפּוטאַטן.

— העכער! העכער! בעט מען זיך פון די הינטערשטע רייען.

איינער דעם צווייטן דערקלערט מיט אַ האַלבן קאָל אַלע פּונקטן פון אָנזאָג.

— זש-זש-זש — דער אָנזאָג איז אָנגענומען.

* * *

און אָט איז דער אָנגעשטרענגטסטער מאָמענט — די וואַלן. עס שטייט פאָר אויסצוקלייבן זעכצן מיטגלידער פון ראַט און פינף אין רעווידיר-קאָמיסיע. אָנגערופן זיבן און דרייסיק קאַנדידאַטן. יעדער באַזונדער ווערט אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן. די פענעמער צעפלאַמט.

— וועמען לייגט מען פאַר? גורעוויטשן? אראָפּ! אַראָפּנעמען!

אַ פרוי רייסט זיך פון דער באַנק:

— געפונען אַ לייטישן מענטשן, וואָס וועט פאַרן שטעטל שטיין! כ׳וועל אייך זאָגן ווער ער איז: ער איז אין דאָרפישן ראַט געווען, פלעגט ער דאָרטן נעמען כאַבאַר. באַ מיר אַליין געפאָדערט.

— אַרויסוואַרפן אים פונדאַנען, — טומלט דער אוילעם.

— איצט גייט די קאַנדידאַטור פון זיידל קאַץ, ווער וויל וועגן אים עפּעס זאָגן?

— דער אַנדערער אַנטיק, אויך אַ צאַצקע — רוישט פון עק צו עק. גיט אונז מענטשן, וואָס זאָלן געטריי זיין דער אָרעמער, אַרבעטנ-דיקער שטאָט, ניט זיך אַליין.

— עמעס! עמעס! אויסמעקן פון צעטל!

און דער אוילעם באַרואיקט זיך ניט, ביז די אָפּשטימונג דערוויזט, אַז קאַץ איז דורכגעפאַלן.

נאָר אַז דער קאַנדידאַט איז אַ פאַסיקער, און דער אוילעם איז פאַר אים, געדויערט די אָפּשטימונג אַ רעגעלע. פריער וויגט זיך אינ-דערהויך אַ וואַלד מיט הענט און דערנאָך ווערט די אָפּשטימונג באַ-גלייטעט מיט שטורמישע פּאַטשערייען.

— האמארניק, זאָגט איר, דער פון דער טשוכראַלניע (וואָל-קע-מעריי)? יאָ, יאָ! אַלע זיינען פאַר אים.

אַן עלטערע פרוי האָט אויסגערעכנט זיינע מאַילעם.

— דעריקער — פאַרן שטעטל וועט ער זיך אוועקלייגן מיט אַלע קויכעס. מע מעג אים דאָס לעבן פאַרטרויען — וועט ער אויך ניט פאַרקויפן.

אויסגעקליבן די בעסטע מענטשן פון שטעטל, דעם לערער פון שול, עטלעכע פאַרטייאישע, איין קאָמיוגיסט — און צווישן זיי צוויי פרויען.

* * *

עטלעכע שאָ האָבן זיך די וואַלן געצויגן. באַ די ערשטע שטערן ...ט די פאַרזאַמלונג געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ מיט הייזעריקע ...עריסענע העלזער, נאָר מיט פולער ברוסט. און ווער ס׳האָט די ...ער ניט געוואוסט, דעם האָט אונטערגעזאָגט אַ צווייטער.

— נישקאַשע, מע וועט זיך אויסלערנען, — האָט אַ מוטער פאַר-שעמטערהייט צו איר מיידעלע פון שול געזאָגט. ס'איז דאָך דאָס ערשטע מאָל, טאַכטער, וואַרט צו.

פראַגן:

1) ווי האָט זיך די באַפעלקערונג באַצויגן צו די וואַלן?
2) וועמען האָבן זיי געקליבן אין ראַט?
3) צי זייט איר בייגעווען בא די וואַלן אין ראַט?
4) דערציילט, ווי זיינען זיי דורכגעגאַנגען.

ווער האָט וואַל-רעכט

די ראַטן-מאַכט פאַרטיידיקט די אינטערעסן נאָר פון די אַרבעטנ-דיקע, פון די האַרעפּאַשניקעס. דערפאַר האָבן בא אונז ניט אַלע די רעכט צו וויילן און זיין אויסגעוויילט אין די ראַטן.

עקספּלואַטאַטאָרן, הענדלער, קולאַקן, ראַבאָנים, גאַלאַכים, קאָנען ניט קלייבן און ניט אויסגעקליבן ווערן אין די ראַטן.

וואַל-רעכט האָבן:

1. אַרבעטער און אָנגעשטעלטע;
2. בירגער, וועלכע פאַרנעמען זיך פּערזענלעך מיט באַאַרבעטן די ערד;
3. אַלע, וועלכע דינען אין דער רויטער אַרמיי, פלאָט און ביכ-לאַל אין מיליטער און מיליטערישע אַנשטאַלטן;
4. לערער און דערוואַקסענע שילער אין אַלע בילדונג-אַנשטאַלטן;
5. בירגער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פרייע פּראָפעסיעס, אויב זיי עקספּלואַטירן ניט קיין פרעמדע אַרבעטס-קראַפט;
6. קוסטאַרן און האַנטווערקער, סיי ווען זיי אַרבעטן אַליין, סיי ווען זיי באַנוצן ניט מער, ווי איין דערוואַקסענעם אַרבעטער אָדער 2 לערן-אינגלעך;
7. בירגער, וועלכע געפינען זיך אפן אויסהאַלט פון סאָצפאַרזאָרגונג (סאָבעז) אָדער סאָצפאַרזיכערונג (סאָצסטראַך) — אינוואַלידן פון בירגער-קריג אָדער פון דער אימפּעריאַליסטישער-מילכאָמע;
8. בירגער, וועלכע נעמען אַרויס אַ האַנדלס-פּאַטענט פון ערשטער מאַדרייגע (ראַזריאַד) — פּעקל-טרעגער;

9. הויזווירטנס און ניט ארבעטספעציקע פאמיליען-מיטגלידער פון אזעלכע, וואס האבן וואל-רעכט.

ווילן און זיין אויסגעווילט אין ראט קאנען בירגער, מענער און פרויען, וואס זיינען ניט אינגער פון 18 יאר.

פ ר א ג :

1) ווער האט וואל-רעכט?
2) פארוואס גיט מען ניט קיין וואלרעכט ניט קיין ארבעטנדיקע?
3) וועמען האט מען ניט דערלאזן צו די וואלן בא אייך אין שטאט?
4) צי ווייסט איר דערפון, אז די ווילער האבן רעכט אפצורופן פון ראט יעדן ניט פאסנדיקן דעפוטאט?

ווי אזוי איז געבויט די ראטנמאכט

די ראטנמאכט איז געבויט אזוי, אז די ארבעטנדיקע באפעלקערונג פארוואלטעט מיט דער מעלוכע.

אין יעדן דארף, שטעטל, שטאט און אנדערע אישואווים ווערן אויסגעווילט דעלעגאטן אין די ראטן: אין די דערפער צו איינעם אף יעדע הונדערט איינוואוינער. אין די שטעט צו איינעם אף יעדע טויזנט איינוואוינער. די דארפס-ראטן פון יעדן וואלאסט שיקן זייערע פארשטייער — איינעם פון צען דעלעגאטן — אפן ראטן-צוזאמענפאר פון וואלאסט. דער וואלאסט-צוזאמענפאר טיילט אויס פון זיך אן אויספירקאמיטעט (וואלאויספירקאם), וועלכער איז דער מאכט-ארגאן אינם גאנצן וואלאסט ביזן צווייטן צוזאמענפאר און פירט אן מיט אלע ארטיקע איניאנים פונם וואלאסט.

אין או.ס.ס.ר. און אין ו.ס.ס.ר. און טיילווייז אין ר.ס.פ.ס.ר. איז אין די לעצטע יארן איינגעשטעלט געווארן אנשטאט וואלאסטן — ראיאנען. די ראיאנען כאפן ארום א גרעסערע טעריטאריע, ווי די אמאליקע וואלאסטן.

דער ראיאן-צוזאמענפאר טיילט אויס דעלעגאטן אפן קרייז-צוזאמענפאר פון די ראטן, צו איין דעלעגאט אף יעדער טויזנט איינוואוינער. אפן קרייזישן ראטן-צוזאמענפאר שיקן אויך זייערע פארשטייער די שטאט-ראטן, צו איינעם אף יעדע צוויי הונדערט ווילער. דער קרייז-צוזאמענפאר ווילט אויס דעם קרייז-אויספירקאם, וועלכער איז דער העכסטער מאכט-ארגאן אינם קרייז ביזן צווייטן צוזאמענפאר.

קרייז- און ראַיאָן-צוזאַמענפאָרן פון די ראַטן באַהאַנדלען און לייזן אַלע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פראַגן פון אָרטיקן לעבן, וועגן געזונט-אָפּהיטונג און אויך אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן אַן אַלפאַר-באַנדישע באַדייטונג.

די קרייז-צוזאַמענפאָרן שיקן זייערע פאָרשטייער אַפן ראַטן-צוזאַמענפאָר פון דער רעפּובליק, וועלכער ווייַלט אויס דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער רעפּובליק. דער צ. א. ק. איז דער העכסטער מאַכט-אָרגאַן אין דער רעפּובליק אינם מעשעך צייַט צווישן די ראַטן-צוזאַמענפאָרן. דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט באַשטימט דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן.

אַ. אי. ריקאָוו

פּאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן פון פ. ס. ס. ר.

פראַגן:

1) ווער איז די העכסטע מאַכט אין אייער ראַיאָן, אין אייער קרייז?
2) צי זייט איר געווען ווען אַף א צוזאַמענפאָר פון ראַטן?
3) וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ צוזאַמענפאָר (ראַיאָנער צוזאַמענפאָר, קרייז-צוזאַמענפאָר א. א. וו.)?

ד. מאָנין

שליאַך, באָד און „איליטשס לעמפּעלע".

רירמאַן, אַ קאָמיוגיסט, פאָרזיצער פון שטעטלדיקן ראַט.

רירמאַן איז אין שלאַכטן מיט היידאַמאַקעס, מיט פּעטליורישע באַנדעס אויסגעוואַקסן, אַף די פראָנטן זיין ווילן פאַרהאַרטעוועט און איצט אַ מעלוכע-מאַן געוואָרן.

האָט רירמאַן די אַרבעל פאַרקאַשערט, פאַר דער אַרבעט זיך גענומען און אין אַ שטיקל צייט אַרום איז שוין דאָס שטעטל ניט צו דערקענען.

באַם ראַט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 4 סעקציעס: אַ סעקציע פאַר וואוילאָרדענונג פון שטעטל, אַ סעקציע פאַר ווירטשאַפטלעך-פינאַנציעלע איניאָנים, פאַר קולטור און בילדונג-אַרבעט און פאַר געזונט-אָפּהיטונג. אין די סעקציעס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן די אַקטיווערע האָרעפּאַשניקעס און א טייל קאָמיוגיסטן. אונטער רירמאַנס פּעסטער האַנט האָבן די סעקציעס אָנגעהויבן אַרבעטן.

פריער פון אַלץ האָט מען זיך גענומען צו די שליאַכן. די שטעטלדיקע געסלעך זיינען ניט ברוקירט. קומט פרילינג אָדער האַרבסט, קאָן מען די גאַס ניט דורכגיין. איר ווערט פאַרזונקען אין בלאָטע וועגן דורכפאָרן איז שוין אָפּגערעדט.

האָט דער ראַט באַשלאָסן פאַריכטן די שליאַכן. עטלעכע רובל אין ראַיאָויספּירקאָם געקריגן, אַביסל געלט צוזאַמענגעקליבן באַ דער באַפעלקערונג. אין צוויי כאַדאָשים אַרום זיינען שוין די גאַסן אויסגעברוקירט, און שטעטל שפּאַצירט שוין איבערן שאָסיי, ווי אַף אַספאַלט.

דערנאָך האָט דער ראַט זיך פאַרן מאַרק גענומען. דער מאַרק איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די מיסט-בערג. אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל צוויי מיליציאָנערן און זיי קוקן נאָך דער אָרדענונג און ריינקייט.

און דאָ אַ דריטע מאַקע. דער בריק איבערן טייכל איז אינגאַנצן צעבראָכן, קוים וואָס ער האַלט זיך.

באַווייזט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַף די שטעטלדיקע פאַרקנס אַ באַפעל: „דער ראַט רופט די באַפעלקערונג צו פאַריכטן דעם בריק. אַלע וואָס ווילן, דאַרפן שאַבעס אינדערפרי קומען אין ראַט מיט געצייג און אינסטרומענטן. — פאָרזיצער פון ראַט — ר י ר מ א ן“.

האָבן קוסטאַרן, מיטגלידער פון דער קוסטאר-געזעלשאַפט, און קאָמיוגיסטן צוויי שאַבאָסים געפּאַטערט און דער בריק איז פאַריכט געוואָרן.

שלעכט איז אָבער מיט דער שטעטלדיקער באָד. זי געהערט צו אַ פריוואַטן באַלעבאָס. ריימט ער די הויט. 20 קאָפּעקעס פון אַ נעפעש.

באַשטימט דער ראַט נאַציאָנאַליזירן די באָד. זאָל זי זיין א מע-לוכישע. לאַנג ריידן האָט רירמאַן ניט ליב און די באָד גייט אריבער אין די הענט פון ראַט. עס ווערט געמאַכט אַ קליינער רעמאָנט, פאַר-ברייטערט די באָד און אַ פרייז ווערט איינגעשטעלט א קליינער — סאַכאַקל 5 קאָפּעקעס.

אָנהויב זומער רופט רירמאַן צונויף דעם ראַט. אַף דער טאג-אָרדענונג איין פראַגע:

ווע גן ק ל אָ ז ע ט ן א ו ן ר ײ נ ק ײ ט א י ן ש ט ע ט ל.

— וואָס הייסט קלאָזעטן? יאסל, ביסט מעשוגע, צי כאַסער-דייע?

— יאָ, קלאָזעטן. הערט מיך אויס. ס׳איז זומער. איר פילט מיס-טאָמע, ווי עס שמעקט באַ אונז אין די געסלעך. קיין קלאָזעטן זיינען ניטאָ, קיין מיסט קאסטנס אויך ניט. איבערן שטעטל טראָגט זיך אַ איפּעשדיקע לופט, וועלכע פאַרסאַמט און שטעקט אָן מיט פאַרשיידע-נע קראַנקייטן. מיר טויטן די קינדער. וואָס זיינען מיר — א ראַט, צי ניין? ווער איז באַלעבאָס אין שטעטל? — דער ראַט. טאָ לייג איך פאָר אַרויסטראָגן אַ באַשלוס וועגן קלאָזעטן און מיסט-קאַסטנס.

און אַ באַפעל איז ארויס, אז אין יעדן הויף זאָל אויסגעבויט ווערן אַ קלאָזעט און אַ מיסט-קאַסטן.

האָט דאָס שטעטל די ערשטע טעג געטומלט, מע איז ניט גע-וואוינט צו ריינקייט. די ענערגישע אַרבעט פון ראַט און די אגיטאַציע פון די באַוואוסטזיניקע קוסטאַרן און די קאָמיוגיסטן האָט אָבער גע-האָלפן, געווירקט. מיליציאָנערן האָבן געזען, אַז באַפעל און ווערטער זאָלן אין מאַיסים פאַרוואַנדלט ווערן. אין א קורצער צייט אַרום האָט

שטעטל אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן ניצחון אפן סאניטאַר-היגיענישן פראָנט.

אסאַך האָט מען אויך אויפגעטאָן אַפן פראָנט פון קולטור און בילדונג. עס איז אָפּגערעמענטירט געוואָרן די שול. פון שטאָט האָט רירמאַן אַראָפּגעבראכט אַ גוטן לערער, די שול האָט צוויי נייע גרופּעס געעפנט פאַר עלטערע קינדער.

די שול איז אינגיכן געוואָרן א צענטר פון דער קולטור-אַרבעט אין שטעטל. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ליקפּונקט. באזוכט האָבן אים 60 מענטשן — יונגע און אַלטע. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן א לייען-שטיבל, אן אָוונט-שול א. א.

כ. רירמאַן און אונזערע ראַטמענער האָבן זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט. זיי האָבן אויפגעהויבן און אוועקגעשטעלט אין ראט א פראגע וועגן עלעקטריפיצירן דאָס שטעטל.

ווען רירמאַן האָט דאָס ערשטע מאָל דערמאנט וועגן עלעקטריע, האָט מען אים אויסגעלאכט.

— וואָס, ווילסט בעעמעס מאכן פון אונזער שטעטל, עפּעס א בערלין...

רירמאַן איז אָבער אוועק אין ראיאָן, זיך צונויפגערעדט מיטן שכיינעסדיקן צוקער-זאוואָד (דארט איז פאראן עלעקטריע) און דעם 21 יאנואר, אין לענין-טאָג, האָבן עלעקטרישע דראטן געבראכט ליכט און שיין אין די שטעטלדיקע הייזער.

אזא יאָנטעוו איז נאָך אין שטעטל ניט געווען. 7 אזייגער איז דאָס גאנצע שטעטל געווען נעבן לייען-שטיבל. אריין אינעווייניק איז געווען אומעגלעך. אין א פול געפּאקטן זאל איז אף דער טריבונע געזעסן דער פּרעזידיום פון ראט. רירמאַן האָט א פאָרטראג געהאלטן וועגן „איליטשס לעמפּעלע“, וועגן לענינס ווערטער: דער סאָציאליזם איז ראטנמאכט פּליוס עלעקטריפיקאציע...

אָט אזוי איז דער ראט אויסגעוואקסן אין א פעסטער געזעלשאפטלעכער מאכט-אָרגאניזאציע.

אין שטעטל בויט זיך דאָס נייע לעבן מיט די הענט פון דער גאנצער מאסע האָרעפּאשניקעס.

א. פעפער

בייער וואַר

איך גיי איבער גאַסלעך, אַלץ איז געבליבן.
מע גייט און מע רעדט, און מע פרישט און מע בויט.
דערמאָנט זיך דאָס אַלטע, דאָס שטויביקע שטעטל
מיט פּריסטאַוו, מיט ציגן, מיט קלייטן, מיט קויט.

דער ראַט און זיינע סעקציעס

דער ראַט איז דער פאָרשטייער פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן פון דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך. ער איז, ווי מע זאָגט, דער אָרטיקער באַלעבאָס.

דער אָרטיקער ראַט זאָרגט פאַר דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן צושטאַנד פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג, פאַר דער וואויל-איינ-אָרדענונג פונם דאָרף, שטעטל אָדער שטאָט.

קעדיי אַריינצוציען וואָס מער דעפּוטאַטן און ווייטער אין דער ראַטן-אַרבעט ווערן בײַם ראַט אָרגאַניזירט קאָמיסיעס און סעקציעס לויט די פאַרשיידענע מינים אַרבעטן פון ראַט. אַן אַדמיניסטראַטיוו-רעכטלעכע סעקציע, וואו עס ווערן באַטראַכט און באַהאַנדלט פראַגן וועגן מיליציע, געריכט, צוכט-הייזער, פאַרשיידענע אָרטיקע געזעצן און פאַראָרדענונגען א. א. וו. די סעקציע פאַר פאָלקס-בילדונג זאָרגט פאַר די בילדונג-אַנשטאַלטן. די סעקציע פאַר געזונט-אָפּהיטונג—פאַר הייל-אַנשטאַלטן, קראַנקן-הייזער א. אַ. וו. סעקציע פאַר ווירטשאַפטלע-כער איינאָרדענונג, וואוינונגס-סעקציעס א. א. וו.

פון דעם, ווי אַזוי עס אַרבעטן דער ראַט און זיינע סעקציעס איז אָפּהענגיק דער וואוילשטאַנד פון דאָרף, שטעטל, שטאָט. אַרבעט גוט דער ראַט—דאַן זיינען די שולן גוטע; אַרבעט גוט די מיליציע, זיינען פאַראַן גוטע וועגן, עס הויבט זיך די ווירטשאַפט, עס ווערט איינגע-פירט עלעקטרישע באַלייכטונג א. א. וו.

דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער גוטער אָדער שלעכטער אַרבעט פון זיינע דעפּוטאַטן.

פון דעם, ווי אזוי עס ארבעטן די ראטן הענגט אויך אָפּ די עק-זיסטענץ, די צוקונפט פון אונזער גאנצער ראטנמעלוכע.

וואָס מער דעפּוטאטן און וואָס מער ווײלער ס'וועלן ארבעטן און אינטערעסירן זיך מיט דער ארבעט פון ראט און זײנע סעקציעס אלץ בעסער וועט דער ראט ארבעטן; אלץ מער נוצן וועט דער ראט קאָנען ברענגען דער ארטיקער באפעלקערונג און דער גאנצער ראטן-מעלוכע.

פראגן:

1) ווער קאָן ארבעטן אין די סעקציעס פון ראט?
2) וועלכע סעקציעס האָט אײער ראט?
3) צי האָט איר געארבעט אין א סעקציע פון ראט?
4) אין וועלכער? און וואָס האָט איר דאָרט געטאָן?

ב. ראָזנשטײן און ל. שײנין

וואָס מע האָט געמאכט פון „איסקאראסט"

איסקאָראָסט, א קלײן שטעטעלע אין וואָלין, בא 3000 אײנוואוי-נער געווען. גאסן קלײנינקע, זומפּן גרויסע. שטיבעלעך אויך קלײנינקע, ציגן אסאך, וואָס פלעגן ניט אײנמאָל אראָפּעסן דאָס שטרוי פון דאך. ערשט איז אויס איסקאָראָסט — קאָראָסטען די קרײז-שטאָט. פון 1923 יאָר אָן.

אָנגעפּאָרענע קוועטשן מיט די פּלײצעס:

— דרײ כאַדאָשים ניט געווען, איז די שטאָט ניט צו דערקענען!

קאָראָסטען בויט זיך און נאָך ווי!

מע גראָבט עס און מע מעסט, און מע שנײדט אינדערלענג און אינדערברײט. אין מיטן גאס — גריבער, קופּעס פרישע ערד. דאָ וועט א בולוואר זײן. גאנץ שטאָט מיט דראָטן ארומגעפלאָכטן, ווי מיט א נעץ. באלעבאטים בורטשען, אלעמאי מע הײסט טראטוארן מאכן. מע איז מעכאבעד די אָפּטריטן רײניקן. מע לאָזט ניט אויסגיסן די פּאָמעניצע, בויען די שטוב יעדערן וואו אים ווילט זיך. האָט מען געבורטשעט שטילערהײט. באַבע-מאיסעס דערצײלט, אײנער דעם אנדערן אין אויער א סאָד אײנגערוימט:

— ס'וועט ניט אויסהאלטן. א סוואָרע, אז דאָס הויז פון אוים-פּירקאָם איז „דאָסיק", געפלאצט...

אין 1924 י. האָט מען דעם ערשטן ראטן-ביניען אָנגעהויבן, — א בריק איבערן טייך. וואָס פאר א סימכע ס'איז געווען אף דער פייערלעכער עפענונג! מע האָט דעם בריק געגלעט, גע־צערצטלט, שיר נאָט געקושט. דער ערשטער אייגענער סאָוועטישער בריק.

אין 1925 יאָר האָט מען די ערשטע הייזער — פארן קרייזאויס-פירקאָם און פינאָפטייל — אָנגעהויבן בויען. דער צענטר האָט צוגעהאָלפן, אסיגנירט 140 טויזנט רובל. שווער געווען נאָר אָנהויבן, דערנאָך האָט מען זיך שוין צעברענט, וואָס ווייטער אלץ מער. פרילינג 1926 האָט מען שוין אין די נייע הייזער געוואוינט. ווייטער איז שוין אוועק לייכטער. מע האָט נאָך קרעדיט געקראָגן, בא זיך א זוך געטאָן, וואָס פארקויפט, וואו אָפגעשפארט, — ס'איז אוועק אין ארבעט.

אָרטווירט האָט גענומען אונטער דער בויאונג א „באזים“ אונ־טערפירן. זיך אָן וואלד אָנגעטשעפעט. א צענדליק אונטערנעמונגען אין א טרעסט פאראייניקט, וואָס האָט שוין א מיליאָניקן אומזאץ, גרויס צוטרוי, קרעדיט א. א. וו. פארטריבן די ערשטע נויט, האָט א צי געטאָן

צו קולטור, צו וואוילאיינאָרדענונג!

דער „מעלוכע-סאראי“ האָט שוין דערעסן, איז מען צוגעטראָטן טאקע א מעלוכע-טעאטער בויען. אין 122 טויזנט רובל אריינגעטריבן. אָבער אויסגעבויט — אין מעשעך פון 5 כאדאָשים!

אויסגעבויט 2 שולן פאר 300 טויזנט רובל. אויסגעבויט א קריי־זישע קראַנקנהויז פאר 212 טויזנט רובל. א ווענעראָלאָגישן דיספאנ־סער פאר 30 טויזנט רובל. אן ארבעטער-קלוב פאר 60 טויזנט רובל. געביידעס פאר אלע קרייזישע אנשטאלטן. א מעכאניזירטע שעכט־הויז פאר 60 טויזנט רובל. א באָד פאר 60 טויזנט רובל, א געדעקטן מארק פאר 50 טויזנט רובל.

ווען האָט איסקאָראָסט געכאַלעמט מיקויעך וואסער-לייטונג? איצט בויט מען שוין א סטאנציע. מע צייט טרויבן, ס'וועט אָפקאָסטן 425 טויזנט רובל, אָבער שטאָט וועט האָבן געזונטע פרישע וואסער.

130 פייערלעשער-קאָמאנדעס אָרגאניזירט. מיט אינוועטאר זיי באַזאָרגט. 4 גרויסע שאָסייען אָפּגערעמאנטירט. הונדערטער בריקלעך אויסגעבויט. א האלבן מיליאָן אָף די וועגן אויסגעגעבן. איינגעשטעלט אַווטאָבוסן-באַוועגונג אין קרייז און געקראָגן א נייע אייזנבאַן אָוו-רוטש — משערניגאָוו.

פון קאַנעץ צו עלעקטריע

די אַלטע קאָראָסטענער סטאַנציע קלעקט שוין ניט. ווערט שוין טאַקע באַלד פאַרטיק די נייע פאַר 350 טויזנט רובל. אויסגעבויט שוין אַ סטאַנציע אין אָווורוטש, ס'בויט זיך אין אָלעווסק, אושאָמיר, עמיל-טשין. די ווייטסטע, אָפּגעשטאַנענע וואַלד-ווינקעלעך פון בלאָטיקער פּאָלעסיע האָבן געקראָגן עלעקטריע, קינאָ, ראַדיאָ.

נאָך אַ ניצאָכן — ליקווידירט דעם וואוינונג-קריזיס! מע וואוינט שוין ניט צו 2—3 געזינדן אין אַ צימער. פאַר די לעצטע 2 יאָר 341 הייזער אויסגעבויט — מעלוכישע, קאָאָפּעראַטיווע און פּריוואַטע.

די אינדוסטריע אויך ניט פאַרגעסן

קאָראסטען ווערט ענג. האָבן זיך שוין נייע גאַסן אין פעלד אַריין אויסגעצויגן, גערטנער און סעדער פאַרנומען.

די אַלטע אָרדענונג האָט אַ צערואינירטן פּאַרפאָר-זאַוואָד איבער-געלאָזן. איצט איז ער שוין לאַנג אויפגעשטעלט און ס'אַרבעטן 200 מאַן. אויסגעבויט אַ גומ-זאַוואָד אָף 100 אַרבעטער. אַ מעבל-פאַבריק אין קאָראָסטען. אייניקע פאַבריקן אין מאַלין א. א. סאַכאַקל האָט אין 1926 יאָר קאָראָסטענער קרייז פאַרבויט 2 א האַלב מיליאָן ר.

איז דען אַ כידעש, אַז ס'פאַלט אַריין אין שטאָט אַ פּויער פון ווייטע סלאוועשנער און אָלעווסקער קאַנטן, קוקט ער פאַרכידעשט, רייבט די פּאַטיליציע און שטאַמלט אַרויס פון צווישן די ציינער:

— אָט איז דאָס אַ פאָלק, די באָלשעוויקעס, וואָס מע האָט עס פון איסקאָראָסט אַביסל געמאַכט!

— אָט דאָס איז ראַטנמאַכט. וואָס דער ראַט האָט פונם שטעטל געמאַכט!

פראגן: 1) ווער האָט אינגאַנצן איבערגעמאכט די שטעטל איסקאָראָסט?
2) וואָס קאַנט איר זאָגן וועגן דער ארבעט פון קאראסטענער ראַט?

גערדאנקען פון א דעפּוטאַטקע

מיר, פרויען-דעפּוטאַטקעס, אין שטאָט-ראַט... וואָס טוען מיר? אַנדערע קאָנען דאָס טאַקע פרעגן, וואָס קאָנען עפּעס אויפטאָן ווייבער, אָפּגעשטאַנענע, שטענדיק באַם טעפּל, שטענדיק מיט די קינדער, אָדער אַפילע אַרבעטערנס, וואָס, קומענדיק פון פאַבריק, ווערן זיי פאַרפאַלן באַ דער שטוב-אַרבעט? אַזוי טראַכטן איז אָבער אַ גרויסער טאָעס.

מיר, פרויען פון אַרבעטער אָדער אַרבעטערקעס, פילן אוים אונזער אַרבעט. מיר לאָזן ניט דורך קיין איין זיצונג פון פּלענום. מיר אַרבעטן אַלע אין די סעקציעס. עס טרעפט, אַז אַנדערע זיינען אין צוויי סעקציעס, און נעמען דאָרט אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט.

די הויפּט-אַרבעט פון דער פרוי איז אין די אָרגאַנען פון געזונטאָפּטייל. אַלע פרויען זיינען צוגעפּעסטיקט צו אַן אַנדער אַנשטאַלט: צו שפּיטאָלן, געבורט-הייזער, הייזער פאַר זויג-קינדער, יאַסלעס און אַנדערע. איך בין צוגעפּעסטיקט צו איין יאַסלע. די אַרבעט איז באַ מיר זייער טייער: ניט געקוקט אַף דעם, וואָס איך בין אַליין אַ מוטער פון 5 קינדער און אַרבעט אַליין אין פאַבריק, דאָך גיב איך אָפּ אַפּולע צייט דער יאַסלע און קימאַט אַלע טאָג מוז איך דאָרטן זיין.

פאַרוואָס גיב איך אָפּ אַסאַך צייט דער אַרבעט? ערשטנס, ווייל איך בין א דעפּוטאַט אין ראַט און ווײַלע די יאַסלעס זיינען אונזערע, סאָוועטישע. ווייל מיר פרויען זיינען טאַקע פאַרינטערעסירט אין אונזער מעלוכע-בויאונג, ווייל מיר ווילן פאַרבעסערן די לאַגע פון דער אַרבעטערקע גלייך מיטן אַרבעטער. ווען איך קום אין יאַסלע און זע די קינדער, וואָס זייערע מוטערס זיינען באַ דער אַרבעט און זיינען זיכער, אַז זייערע קינדער זיינען אין זיכערע הענט, קלער איך זיך:

— קינדערלעך, איר זייט גליקלעך, וואָס איר זייט געבאָרן באַ דער ראַטנמאַכט, וואו עס איז דאָ, ווער עס זאָל פאַר אייך זאָרגן. און דעמאָלט שטעלט זיך מיר פאַר דאָס בילד, ווען נאָך אין די אַלטע צייטן, אין ביאַליסטאָק, אַף די וועבעריי-פאַבריקן, ווי איך און נאָך פיל פרויען האָבן געאַרבעט ביז 10—11 שאָ אין טאָג. די פרויען פלעגן מוזן איבערלאָזן זייערע קליינע קינדערלעך אַליין אין שמוץ. אַנדערע פרויען פלעגן קימען מיט די קינדער אין פאַבריק, ניט האָבנדיק אַוואו זיי צו לאָזן אַף דער צייט, וואָס זיי אַרבעטן.

אין די קליינע פאַבריקן פלעגן נאָך די מאַיסטערס לאַכן פון אונז. די מוטער פלעגט באַהאַלטן דאָס קינד אין אַ קאָשעק, אונטערבעטן דעם אָפּפאַל פון די באַוול און געבן אין הענטל אַ שטיקל ברויט. און אַזוי אַ גאַנצן טאָג. פלעגן טאַקע פיל אַרבעטער-קינדער צעשטאַרבן.

אָט פאַרוואָס מיר ווילט זיך אַרבעטן אין ראַט.

פ ר אַ ג ן :

צי זיינען בא אייך פאַראַן פרויען אין ראַט? וויפל און אין וועלכע סעקציעס ארבעטן זיי? ווי באַציט זיך צו זיי די באַפעלקערונג?

די ראַטן און אונזערע קלאַסן-סאָנים

זייט דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אין יאָר 1917 איז אונזער ראַטן-מעלוכע מעכטיק אויסגעוואַקסן. אונזער סאָציאַליסטישע בויאונג גייט מיט גרויסע טריט פאָרויס. די סאָציאַליסטישע טיילן פון אונזער ווירטשאַפט וואַקסן פון יאָר צו יאָר.

איינצייטיק אָבער קומט אויך פאָר א געוויסער וואוקס פון די נעפּמאַנישע און באַלעגופישע שיכטן בא אונז אין לאַנד. מיר פאַרשטאַרקן אונזער אָנגריף אַפן נעפּמאַן און עקספּלואַטאַטאָר. וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער בלייבט פאַר זיי אָרט און לופט בא אונז. דאָס רופט אַרויס זייער פאַרשטאַרקטע אַקטיווקייט און קעגן-אָנגריף.

דידאָזיקע קלאַסן-סאָנים אונזערע באַמיען זיך אויסנוצן אונזערע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן און ארונטערצורייסן די ווירטשאַפט-פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט.

די באַלעגופים אין דאָרף פירן אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע, מאַכן באַוואָפנטע אָנפאַלן אַף אונזערע דאָרפישע קאָרעספּאָנדענטן און אַקטיווע טוער. די נעפּלייט אין שטאָט סטאַרען זיך צעשטערן אונזער ווירטשאַפט דורך ספּעקוליאַציע און קאָנטראַבאַנדע, שווינדל און כאַבאַר.

דערזעלבער אַנגריף קעגן אונזער סאָציאַליסטישער מעלוכע רט געפירט אויך אינם אידישן שטעטל. די „פיינע אידן“, די קלייניעש מיט זייערע געהיימע טאַלמעטוירעס און יעשיוועס געהיימע שטאַטלעך און פיקטיווע אַרטעלן, מיט זייערע ביקער-כוילעמס און

גמילעסכּעסאָדים-געזעלשאַפטן, — דאָס זיינען פאַרביסענע פיינט פון דער ראַטנמאַכט. זיי שליסן זיך צונויף אין איין פראָנט מיטן דאָר-פישן באַלעגוף, מיטן גרויסשטאָטישן נעפּמאַן, אַף צו קעמפן קעגן דער דיקטאַטור פונם אַרבעטער-קלאַס. דער באַלעגוף, דער ראָוו, דער גאַלעך און דער נעפּמאַן — דאָס איז איין כעוורע, וואָס שטרעבט צו איין אַל-געמיינעם ציל: צו שטערן און אונטעררייסן אונזער סאָציאַליסטישע בויאונג.

אין דידאַזיקע באַדינגונגען פון פאַרשטאַרקטן קלאַסן-קאַמף אין ראַטן-לאַנד דאַרפן אונזערע ראַטן געבן דעם ענערגישסטן ווידערשטאַנד אַלע אונזערע קלאַסן-סאָנים.

די אָנפירונג פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די ראַטן דאַרף זיין אַן אייזן-פעסטע. קיין איין באַלעגוף, קיין איין ניט אַרבעטנדיקער טאָר זיך ניט צושמירן, ניט דורכשמוג-לען זיך אין אונזערן א ראַט. ניט זיי אַליין און ניט די אונטערגע-שטעלטע דורך זיי לייט.

דורך א פאַרשטאַרקטער פּאָליט-אויפקלערערישער אַרבעט דאַרפן מיר באַפרייען די ברייטע אַרבעטער-מאַסן פון אונטער דער ווירקונג פונם באַלעגוף, נעפּמאַן און קלעריקאַל, פון אַלערליי „באַלעטויוועס“ און „פּאַרזאָרגער“.

מיר דאַרפן איינצייטיק זיך דערשלאָגן דעם אַקטיווסטן אנטייל פון די ברייטע אַרבעט-מאַסן אין אונזער ראַטן-אַרבעט און אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג ביכלאַל.

און דאַן איז דער זיג פון אונזער ראַטן-מעלוכע איבער אונזערע קלאַסן-פיינט געזיכערט.

א. נעווערא̇וו

באַזיגט די באַלעגופים

טיכאָן פּראָקאָפּיטש, דער פּאָרזיצער פון קופּאַווינער וואָלאָר ראַט האָט זיך דערוואוסט, אז מע אַגיטירט קעגן אים. איינגיכן ה געדאַרפט פאַרקומען די איבערוואַלן, האָט ער אָנגעהויבן שמועסן די רייכערע פּויערים, זיי זאָלן אים אונטערהאַלטן. און אויב ניט

זאָל מען ביכלאַל אויסקלייבן „אַן אייגענעם מענטש“. אויב אָבער מ'עט אוועקשטעלן אַן אָרעמאַן און נאָך עפּשער אַ קאָמוניסט דערצו — ווערט זיין אַז אָך און וויי צו די פאַרמעגלעכע.

טיכאָן פראָקאָפּיטש אַגיטירט קעגן דער אָרעמקייט, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט. אַ־ן סאָווקע ליעפּעשיכין, אַ רויטאַרמייער, וואָס איז אין אורלויב געקומען, טאַינעט איין מיט די אָרעמע פויערים, אַז קיין רייכן טאָר מען ניט אויסוויילן פאַר אַ פאָרזיצער פון וואָלאָסט-ראַט. דער וואָל-ראַט — דאָס איז אַ גרויסער און וויכטיקער איניען. זעץ דאָרטן אַוועק אַ קעגנער פון דער ראַטן-מאַכט וועט ער אָנטאָן אַסאַך צאָרעס, און שטענדיק וועט ער זאָרגן נאָר פאַר זיך און פאַר זייניקע.

אויב עס וועט זיך ניט געפינען קיין קאָמוניסט, דאַרף מען אויסוויילן אַן אומפּאַרטייאישן, נאָר אַן אָרעמען פויער און אַ אָרנטלעכן מענטשן. ער וועט שוין שטיין פאַר דער אָרעמקייט.

האָט זיך אין קופּאָווינע צעפלאַקערט דער קלאַסן-קאַמף. אַסאַך פויערים האָבן נייגעריק געוואַרט און געגאַרט וויסן מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

אייניקע האָבן געזאָגט, אַז טיכאָן פראָקאָפּיטש מיט זיין כאַווראַיע וועט זיגן, ווייל ער האָט אַ גרויסע מאַכט אין דאָרף. אַקעגן אים וועט קיינער ניט גיין. די אָרעמקייט — האָבן אַנדערע געזאָגט — וועט ניט זיין אַזוי אָרגאַניזירט, ווי די באַלעגופים. די אָרעמע פויערים וועלן ניט האָבן דעריבער אַזויפיל שטימען, אַז זיי זאָלן קענען דורכפירן זייערן אַ מענטשן.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון די איבערוואַלן. די פויערים זיינען געגאַן ניט ווילנדיק, געטוליעט זיך אין די ווינקלעך. די קופּאָווינער גווירים זיינען, פאַרקערט, געווען זיכער אין זייער זיג. זיי האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. איינס מיט אַן אַנדערן זיך איבערגעקוקט, שטילערהייט זיך דורכגערעדט וועגן זייערע קאַנדידאַטן.

נאָר דאַ האָבן צום ראַט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אָנקומען מאַכנעסווייז די פויערטעס.

ווי נאָר ס'איז געקומען צום אויסוויילן אַ נייעם פאָרזיצער האָבן טיכאָן פראָקאָפּיטשס נאָענטע אויסגעשריען: — „מיר ווילן דעם אַלטן

פאַרזיצער, זאָל ער נאָך דינען אונז"! דאַ האָבן זיך אָבער גלייך דערהערט הונדערטער שטימען פון די פויערטעס: — „מיר ווילן ניט"!

— נו, טאָ זאָל זיין סיטשקאָוו דער פאַרזיצער, זייער אַן אַנשטענדיקער מענטש!

— ניין, אים ווילן מיר אויך ניט — האָבן געענטפערט די אָרעמע פויערים.

— מיר ווילן אויך ניט — האָבן אונטערגעהאַלטן די פויערטעס.

און אזוי האָט מען דורכגעוואָרפן טיכאָן פראקאפּיטש, דורכגעפאַלן זיינען אַלע זיינע אַנהענגער. אויסגעקליבן אין ראַט האָט מען צוויי זיכערע מענטשן: א מיטלפויער סערגיי איוואַנאָוויטש און אַן ארעמפויערטע פראסקאָוויען.

מע האָט זיי אָנגעזאָגט:

— נו, איצט סטאַרעט זיך. היט אָפּ די ראַטן-געזעצן, שטיצט די אָרעמע און מיטעלע פויערים, קעמפט און באַקעמפט די באַלעגופים!

נאַציאָנאַלע און געמישטע ראַטן

די ראַטנמאַכט שטרעבט דערצו, אַז די ראַטן זאָלן באַדינען די אָרטיקע באַפעלקערונג אָף דער מוטער-שפראַך.

צוליב דעם ווערן באַ אונז אין די ערטער, וואו דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג איז אַ פאַרשיידנאַרטיקער געשאַפן נאַציאָנאַלע און געמישטע ראַטן.

אַ נאַציאָנאַלער ראַט ווערט געשאַפן אין דעם אָרט (דאָרף אָדער שטאָט), וואו די באַפעלקערונג פון דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער מינדערהייט בילדעט א מערהייט.

צום ביישפיל, אין די דערפער, שטעטלעך און שטעט, וואו די מערהייט באַפעלקערונג איז אַ אידישע, זיינען אָרגאַניזירט אידישע ראַטן. דער אידישער ראַט פירט, נאַטירלעך, דורך דיזעלבע אַרבעט, וואָס א ניט-אידישער, דער איינציקער חילעק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער באַדינט די באַפעלקערונג אָף אידיש. די גאַנצע אַרבעט און די געשעפטפירונג ווערט דאָ געפירט ניט אָף דער אַלגעמיינער מעלוכע-שפראַך, נאָר אין אידיש. דער אידישער ראַט ווייסט אויך בעסער

די נויטן און באַדערפענישן פון דער אידישער באַפעלקערונג און קאָן זיי דעריבער בעסער באַפרידיקן.

געמישטע ראַטן ווערן געשאַפן אין די ערטער, וואו קיין איינע פון די נאַציעס בילדן ניט קיין באַדייטנדיקע מערהייט. אין אַזעלכע געמישטע ראַטן ווערט די אַרבעט און געשעפטפירונג געווײנלעך געפירט אַף צוויי שפּראַכן, אָפּהענגיק פון דער צאָל פון די הויפּט-נאַציעס, וואָס וואוינען דאָרט.

א. ד. מיראל

נאַראַווליער אידישער ראַט און זיין פאָרזיצערן — ריווע גוזמאַן

ריווע גוזמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין שטעטל קאַפּאָטקעוויטש, מאָזירער קרייז. קאַפּאָטקעוויטש איז אַ אָרעם שטעטל און ריוועס טאַטע איז געווען אַ קאַפּצן אַ סטאָליער. אַז זי איז אַלט געוואָרן אַ יאָר צען און מע האָט זי געדאַרפט ברענגען צו „אַ שטיקל טאַכלעס" האָט מען זי אָפּגעגעבן זיך לערנען נייען צו אַ שניידערקע. די שניידערקע האָט זי אַסאַך עקספּלואַטירט און ווייניק געלערנט. האָט זי אָפּגעאַרבעט באַ איר עטלעכע יאָר, ביז זי איז אַריבערגעפאָרן קיין נאַראַווליע, וואו ריווע איז שוין געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע נייטערן. אַ נייטערן — אַ קוסטאַרקע אין נאַראַווליע, וואָס איר אייגנס באַשטייט פון אַ מאַן אַן אַרבעטער, 3 קינדערלעך און איין בעהיימע, וועלכע איז איר טייער „ווי דאָס אויג אין קאָפּ" — איז פאַרשטייט זיך, אויך אַ גרויסע קאַפּצנטע. פון קינדווייז אָן ביז היינטיקן טאָג ווייסט ריווע נאָר אָרעמקייט, דאַכקעס און נויט. און פאַרשטייט זיך, אַז אָט די „מאַילע" האָט זי געמאַכט פאַר אַ קעמפערן און פאַרטיידיקערן פון די אינטערעסן פון די סאַמע אָרעמסטע שיכטן אין שטעטל.

ביז 1924 יאָר האָט ריווע געוואוסט נאָר: די קינדערלעך, די שטוב, די ניי-מאַשין און מעלקן די בעהיימע. אויסער דעם, האָט זי פון קיין אַנדערע אינטערעסן ניט געוואוסט. דער קאָפּ, זאָגט זי, איז

געוועןַ אזוי פארקלאפּט, און די נויט און זאָרג פאַר די קינדערליעד אזוי גרויס, אַז ס'איז קיין צייט ניט געווען טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. אין 1924-טן יאָר האָבן די שטעטלשע ווייבער אויסגעקליבן ריווען פאַר אַ דעלעגאַטן. פון דאַן אָן איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'איז ניט געווען קיין איין שטעטלשע קאָמיסיע, אין וועלכער זי זאָל ניט זיין אויסגעקליבן און וואו זי זאָל ניט אַרויסווייזן די געהעריקע אַקטיווקייט.

אין דער ערשטער צייט פון איר טעטיקייט. אַלס דעלעגאַטן, האָט געטראָפן אזא מאַיסע:

אין נאַראַווליע איז אָנגעקומען געלט פון אַמעריקע. די שטעטלשע קלייקווידעש האָבן געוואָלט פאַרטאָן די דאָלאַרן אַף בויען זייער אַ וויכטיקן שטעטלשן אנשטאַלט... אַ מיקווע. ריווע האָט דאַן אויפגעהויבן די שטעטלשע ווייבער. זי האָט געמאַכט אַ טומל און געשריי, אַז מע דאַרף קיין מיקווע ניט. עס איז אַסאַך גלייכער — האָט זי געטאַינעט — פאַרטאָן דאָס געלט אַף אַ קינדער - קאָנסולטאַציע. עס זיינען פאַרגעקומען פרויען-פאַרזאַמלונגען, און ריוועס פאָרשלאָג איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן, — דאָס געלט איז אוועק אַף אַ קאָנסולטאַציע. די נאַראַווליער פרויען האָבן זיך פּאַשעט מעכאַיע געווען, ווייל באַ דער קאָנסולטאַציע האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַ פונקט, וואָס גיט הילף די פרויען, וואָס דאַרפן געבוירן, און נאָך אַזוינע נוצלעכע זאַכן.

דער ערפאָלג האָט געגעבן אַ שטויס ריווען צו פאַרנעמען זיך אויך ווייטער מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זי איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז היינטיקס יאָר האָט מען זי שוין אויסגעוויילט אין ראַט. אין ראַט גייען אַריין אַלס מיטגלידער 10 מענער און 4 פרויען. ריווע ווערט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון ראַט. איר געהילף איז אַ ווייסרוס.

ריווע באַקומט געהאַלט 28 רובל אַ כוידעש, איר מאַן איז אַן אַרבעטער אין אַ נאַראַווליער קאָנפעקטן-פאַבריק, באַקומט 23 רובל אַ כוידעש. אַף דעם „גרויסן“ געהאַלט לעבן זיך דורך אין דאַכקעס דער שטעטלשער פאָרזיצער מיט נאָך פיר „פּיקערס“.

ביז 10 אזייגער אינדערפרי איז ריווע אַ שטוב־באַלעבאָסטע, ריכט אויס דעם מאַן צו דער אַרבעט, אייסעקט זיך מיט די קינדער, מעלקט די בעהיימע, גרייט אָנבייסן. צו צען אזייגער אָבער טוט ריווע אָן איר רויט טיכעלע, ווערט אַ „פּרעדסעדאַטעל" און גייט אין ראַט פאַרנעמען זיך מיט שטעטלשע איניאָנים.

ריווען אַרבעט אין ראַט

און נאַראַווליע איז מיט איר העכסט צופרידן.

פאַרוואָס?

הערט וואָס ריווע גוזמאַן האָט שוין אָפּגעטאָן:

אין נאַראַווליע לאָזט זיך אויס, זיינען דאָ צוויי ראַטן: איינער אַ ווייסרוסישער, וועלכער באַלעבאַטעוועט אויסשליסלעך איבער דער ווייסרוסישער גאַס (דאָס הייסט איבער דער גרויסער גאַס, וואָס איז אויסשליסלעך באַזעצט מיט ווייסרוסן). דער צווייטער — אַ אידישער, וועלכער באַלעבאַטעוועט איבער דעם טייל שטאָט, וואו עס געפינען זיך דערהויפּט אידן. ריווע איז, פאַרשטייט זיך, פאַרזיצערן פון דעם אידישן ראַט. דער ראַט באַדינט אַ באַפעלקערונג, וואָס באַשטייט פון 1430 אידן, 380 ווייסרוסן און 15 פּוילן. די ווייסרוסן האָבן אויך פאַרשטייער אין ראַט. פון 14 מיטגלידער זיינען 10 אידן און די איבעריקע ווייסרוסן.

די 380 ווייסרוסן, וואָס זיינען האַיאַר אַרונטערגעפאַלן אונטער דער „הערשאַפט" פון אידישן ראַט (ווייל זיי וואוינען אין די „אידישע גאַסן) זיינען לעכאַטכילע, געווען אַביסל אומצופרידן. ניט נאָר די „אידישע" מאַכט, לאָזט זיך אויס, האָט זיי געשראָקן. ס'איז געווען נאָך אַ גרעסערע „צאָרע"—זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען, ווי מיט זיי וועט „פּראַווען" אַ „אידישע באָבע". און ניט נאָר די ווייסרוסן. אפילע דער שטעטלשער אידישער מענערשער אוילעם איז געווען אויפגערעגט פון דער מאַיסע: „נאָ דיר גאָר אַ פאַרזיצער אין אַ קליידל!" וואָס האָט דאָס פאַר אַ פּאָנעם פאַרן שטעטל!

עס איז ניט דורכגעגאַנגען קיין קאָרגע צוויי כאָדאָשים. דער ראַט האָט פאַנאַנדערגעוויקלט זיין טעטיקייט. ריווע האָט באַוויזן, אַז זי ספּראַוועט זיך מיט דער אַרבעט, אַסאַך בעסער ווי אַנדערע מענער.

די מיינונג וועגן דעם ראַט און וועגן זיין פּאָרזיצערן האָט זיך אין שטעטל אינגאַנצן געביטן. סאַי די אידן, סאַי די ווייסרוסן, דערהויפּט פאַרשטייט זיך, די אָרעמסטע שיכטן, זיינען זייער און זייער צופֿרידן מיט דעם ראַט.

דער אידישער ראַט, האָט שוין אויפגעטאָן אַ װאָס:

דאָס שטעטל האָט זיך שרעקלעך גענויטיקט אין „פּאַשע“, דאָס איז פאַר אים געווען איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פראַגן. יאָרן-לאַנג האָט זיך דאָס שטעטל אמאָל געמישפּעט מיטן פּאָרעץ, קעדיי צו קריגן די נויטיקע „פּאַשע“. ביז גאָר נים לאַנג איז די שווערע פראַגע געווען זייער שווער צו דערליידיקן, — שטעטל איז געזעסן אָן „פּאַשע“. אין דעם אָנזאָג בעאיים די וואַלן אין ראַט איז אַלס וויכטיקסטער פונקט געשטאַנען: „קריגן פּאַשע“, ווייל דאָס איז מאַמעש אַ לעבנס-באַדערפעניש פאַרן שטעטל.

גלייך ווי דער ראַט איז אויסגעקליבן געוואָרן, האָט ער זיך גענומען פאַר דער וויכטיקער אויפגאַבע. דאָס שטעטל האָט באַקומען אַ פּלאַץ פון 64 דעסיאַטין ערד אַף „פּאַשע“. ס'איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מעליאָראַטיווע געזעלשאַפט, וועלכע וועט ווי געהעריק באַאַרבעטן דעם פּלאַץ, און שטעטל וועט שוין האָבן גענוג פּאַשע און היי.

פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַקט האָט אויפגעהויבן דעם אוטאָריטעט פון אידישן ראַט און פון זיין פּאָרזיצערן אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג.

אויסער דעם, האָט מען אָנגעהויבן באַזאָרגן מיט געהילץ און האָלץ סאַי אידן, סאַי ווייסרוסן, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם. מע האָט זיך גענומען פאַר דער קאָאָפּעראַציע און אריינגעצויגן אין איר 95 פּראָצענט פון דער האָרעפּאשנער באַפעלקערונג. די אָרעמערע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער קאָאָפּעראַציע דורך דעם קאָמיטעט פאַר קעגנזייטיקער הילף. דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט און האָט אנגעהויבן פילן, אַז עס האָט אַ מאַכט, וואָס זאָרגט פאַר זיינע אינטערעסן. די פויערים, וועלכע געפינען זיך אין אַ ישעוו נים ווייט פון שטעטל און וואָס ווערן באַדינט דורך דעם אי-

דישן ראט, האבן באקומען אין קרעדיט געהילץ פון נאענטן וואלד. זיי האבן שוין אנגעהויבן בויען פאר זיך הייזער און שטאלן, אין וועלכע זיי האבן זיך שרעקלעך גענויטיקט. אייניקע ארעמע פויער-טעם-אלמאנעס האבן באקומען פערד מיט וועגענער אף קרעדיט און זיי שטעלן שוין אויף זייער ווירטשאפט.

דער צוטרוי צום ראט וואקסט דעריבער פון טאג צו טאג.

דער ראט האט אוועקגעלייגט פיל קרעפטן און ענערגיע, כדי צו קריגן ערד פאר 34 שטעטלשע אידישע ארעמע פויערים. אויך דאס האט זיך פולקום איינגעגעבן. אינגיכן וועט באם שטעטל ארגאניזירט ווערן א אידישער לאנדווירטשאפטלעכער אישעוו.

ס'איז ניטא די זאך, וועלכע דער ראט זאל ניט טאן פאר די ארעמסטע שיכטן. דערפאר אבער איז ער שטרענג צו די עקספלוא-טאטארישע און קרעמערישע עלעמענטן.

דער אומצוטרוי פון דער באפעלקערונג צום ראט, בעראש פון וועלכן עס שטייט „א אידענע א פרעדסעדאטעל", האט זיך אינגאנצן צעזייט. די געוועזענע ארעמע נייטערן, כ-טע ריווע גוזמאן, שטייט פעסט אף איר פאסטן און פארטיידיקט די אינטערעסן פון די ארעמ-סטע און נויטבאדערפטיקע אין שטעטל.

פראגן:

1) וואס האט אויפגעטאן דער אידישער ראט?

2) וואס האט געטאן ריווע גוזמאן ביז מען האט זי אויסגעקליבן אין ראט?

3) צי האט איר געהערט אדער געלייענט וועגן אנדערע פרויען— פארזיצער פון ראט?

4) צי איז מעגלעך געווען ביז דער אקטיאבער-רעוואלוציע, אז א פרוי, און נאך אן ארבעטערן, זאל פארנעמען אזא פאסט?

5) צי ווייסט איר פון נאך אידישע אדער אנדערע נאציאנאלע ראטן?

וואלן אין קאפיטאליסטישע לענדער

בעאיים די וואלן אין קאפיטאליסטישע לענדער טרעטן ווארט ארוים פארטייען און פארטייעלעך מיט סעזאן-פראגראמעס, וואס זאגן צו „גילדענע בערג‟ — פראגראמעס, וואס זיינען באשאפן געווארן ספעציעל פאר די וואל-טעג, קעדיי צו פאנגען „שטימען‟. אף מארגן נאך די וואלן וואלגערן זיי זיך, די פראגראמעס, קופעסוויז, ווי מיסט אף די גאסן. קיינער קימערט זיך שוין ניט מער וועגן זיי. די אלע וואל-צוזאגענישן זיינען ניט מער, ווי זאמד אין די אויגן פון די ברייטע מאסן, קעדיי אויסצונארן זייערע שטימען. ווייל אינדערעמעסן האנדלט עס זיך קיינמאל ניט וועגן דעמאקראטיע, וועגן די מאסן און זייערע אינטערעסן. עס האנדלט זיך וועגן דעם, וועלכע בורזשואזע גרופע זאל שטיין אף וויינער באם מעלוכע-רודער און אדורכפירן די דיקטאטור פונם קאפיטאל איבער די הארעפאשנע מאסן. דער עצעם פארלאמענט איז ניט מער, ווי א קוליסע פאר די עמעסע דייע-זאגער און מאכט-האבער, פאר די פינאנץ- און אינדוסטריע-מאגנאטן. די וואלן זיינען אויך ניט מער ווי א קאמעדיע, א שפיל אין דעמאקראטיע. א פאר וואכן ניאנמושעט מען זיך מיט די מאסן, און דערנאך קערן זיך אום די וואכעדיקע גרא טעג פון שווערער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע. די וואל-„וואונדער‟ פארשווינדן און אלץ בלייבט באם אלטן.

יוס. פאקאיני

א מאיסעלע וועגן וואלן

סאמבא אלי גאסאן האט אנגעזאטלט זיין פערד און האט זיך אפגעזעגנט מיטן פאטער. ער איז אוועק אין פרעמדע לענדער זוכן ברויט און גליק.

פיל טעג און נעכט האט אים געטראגן דער שווארצער, ווי די נאכט, אראבישער פערד. ענדלעך האט ער זיך אפגעשטעלט אף א פלאץ פון א גרויסער שטאט.

אין פראַנקרייך

אַ גרויסע מאַכנע מענטשן האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

אַ מענטש מיט קיילעכדיקע און פעט-בלישטשענדיקע באַקן איז געשטאַנען אַף אַ טריבונע און הויך גערעדט. ער האָט צוגעזאָגט אַלע-מען רייכקייט, זאַטקייט און צופרידנקייט.

— זאָג מיר, — האָט סאמבא געפרעגט דעם שאָכן — דער מענטש איז מיסטאָמע זייער רייך — עפשער וועט ער קויפן מיין פערד? מיר ווילט זיך זייער ניט שיידן זיך מיט אים, נאָר איך בין הונגעריק.

— ווער דאַרף אין פאַריז דיין פערד? האָט זיך פאַנאַנדערגע-געלאַכט דער שאָכן — פאַר רייכע מענטשן זיינען דאָ פאַראַן אַווטאָ-מאָבילן. דערדאָזיקער מענטש איז טאַקע זייער רייך, נאָר דיין פערד וועט ער ניט קויפן. ער קויפט נאָר שטימען. מאָרגן זיינען דאָך וואַלן אין פאַרלאמענט.

אין ענגלאַנד

און נאָך אין אַ לאַנד האָט דאָס פערד געבראַכט סאמבאַ אַלי-גאַסאַנען. דאָ איז ניט געווען קיין זון. דער רויך פון די הויכע קוימענס האָט פאַרשטעלט דעם הימל. טראָפּנס נעפּל זיינען געהאַנגען, ווי טרערן, אַף די הוילע צווייגן פון די בוימער.

אַף אַ גרויסן פּלאַץ האָט אַ מענטש געהאַלטן אַ רעדע פאַר אַ פאַרזאַמלונג. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַלעמען געבן אַרבעט, אַז בּאַ יעדערן וועט זיין ביליק ברויט, אַז ער וועט אויסבויען טויזנ-טער הייזער, וואו ס'וועלן קאָנען זיך באַזעצן אָרעמע מענטשן. און דער הונגעריקער, מידער סאַמבאַ האָט באַשטימט אָפּשטעלן זיך אין דעמדאָזיקן פאַרנעפּלטן לאַנד.

— זאָג מיר, ווי רופט זיך אייער לאַנד? איך וועל זיך דאָ באַזעצן אין איר — דער מענטש זאָגט דאָך צו יעדערן ברויט, אַרבעט, און אַ וואוינונג. זאָג מיר, ווער איז ער? דער אָבער בּא וועמען סאמבא האָט געפרעגט, האָט נאָר אומעטיק געשמייכלט.

ס'איז קענטיק, אַז דו ביסט פון אַ פרעמד לאַנד און ביסט קיינ-מאָל ניט געווען אין ענגלאַנד. ווען דו וואָלסט שוין אַמאָל דאָ געווען

וואָלסטו געוואוסט, אַז דערדאָזיקער מענטש לייגט און מע טאָר אים ניט גלויבן קיין זאַך. מאָרגן זיינען דאָך באַ אונז וואַלן אין פּאַרלאַמענט.

אין דייטשלאַנד

און נאָך אין אַן אַנדער לאַנד איז געקומען גאַסאַן אַף זיין פאַרמאַטערטן פערד. נאָר אויך דאָ האָבן מענטשן געשריען, געלייגט. פּאַגראַמירט הייזער, געגראַבן זיך אין פאַרשיידענע פּאַפּירן, געשלעפט אין די טורמעס, געשלאָגן, געמוטשעט מיט הונגער,—און צוגעזאָגט זאַטקייט און פרייד.

— גיי און ניט מיש זיך,—האָט אים געזאָגט אַ דורכגייער— די ביסט אָרעם און אַן אָרעמאַן דאַרף זיך ניט אַמפּערן מיט שטאַרקע. אויב ניט וועט מען דיך. אויך אַריינזעצן אין טורמע—באַ אונז אין דייטשלאַנד זיינען דאָך באַלד וואַלן אין פּאַרלאַמענט. גיי, אין דייטשלאַנד איז אַן דיר אויך גענוג הונגעריקע.

אין פ. ס. ס. ר.

דער טרייער אַראַבישער פערד האָט שוין קוים געשלעפּט זיינע פאַרוואונדעטע פיס. סאַמבאַ האָט קוים גערעדט פון מידקייט און הונגער, ווען ער איז אַריינגעפאַלן נאָך אין איין שטאָט. דאָ האָט ער ווידער געפרעגט באַ א דורכגייער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט? און פאַרוואָס גייען איבער די גאַסן צופרידענע מאַכנעס מענטשן מיט אויגן, וואָס ברענען, ווי די זון פון מיין פאָטערלאַנד, מיט פאָנען און לידער? זיי זיינען אָרעם געקליידט און אַף זייערע הענט זיינען סימאָנים פון שווערע אַרבעט. ווי זשע קאָנען זיי זינגען?

איך בין אַרומגעפאָרן די גאַנצע וועלט און איך האָב נאָך אינערגעץ ניט געזען קיין פרייד אַף די פּענעמער פון די אַרבעטנדיקע.

— באַ אונז זיינען וואַלן.

— אין פּאַרלאַמענט!?—האָט מיט שרעק אויסגעשריען סאַמבאַ און האָט שוין געוואָלט א טרייב טאָן ווייטער דאָס פערד.

— ניין, ברודער, בא אונז זיינען וואלן... אין ראט.

אין דעמדאזיקן לאנד האט זיך אפגעשטעלט אף שטענדיק סאמבא אלי-גאסאן.

ראגן:

1) ווער האט פאקטישע וואל-רעכט אין די קאפיטאליסטישע לענדער?

2) וואס פאר אן אנטייל אין די וואלן נעמען דארט ארבעטער און פויערים?

3) פארוואס פארטיידיקן די פארלאמענטן די רעכט פון די רייכע און ניט פון די ארעמע?

י. י. זעווין

די וואלן אין אמעריקע

אז עס איז געקומען דער טאג פון די וואלן, האב איך זיך אנגעהויבן צו פילן, יאנטעוודיק. בענעלע, מיין מיזיניקל, זיבן יאר אלט, האט אויסגעהאנגען אן אמעריקאנער פאן אין אונזער פענסטער. ער האט מיר געזאגט, אז היינט איז א גרויסער יאנטעוו פאר אלע בירגער, ווייל אין דעם טאג זעט מען איין די ברידערלעכע גלייכהייט אין אמעריקע. אט דעהיינע, איך בין גלייך אפילע מיט דעם פרעזידענט פון די פאריייניקטע שטאטן. ער האט ניט מער ווי איין שטימע, און איך האב אויך איין שטימע. זיינען מיר טאקע ביידע גלייכע יאכסאנים.

איר האט שוין געשטימט!

ערעוו די וואלן האבן די קינדער ניט געלייגט זיך שלאפן א גאנצע נאכט. זיי האבן זיך געקריגט און געשריען און געזוכט כאטש איבעריידן די מאמע, יעדערער אף זיין זייט. פאר זיין קאנדידאט.

אף מארגן אינדערפרי, זע איך פון פענסטער, ווי אין גאס איז לעבעדיק און די שכיינעם גייען אפגעבן זייערע שטימען.

קומט אן די עלטערע טאכטער, בעטסי (א לערערן), א פארפוצטע לעקאוועד יאנטעוו, און רוימט מיר אריין א סאד, אז די מאמע האלט שוין מיט איר, און איך זאל אויך זיין א גוטער פאפא און שטימען פאר איר קאנדידאט.

טראַכט איך מיר: — דיר, מיין טאַכטער איז וואויל! דו האָסט אַ גוטע שטעלע, בּאַ דיר איז היינט יאָנטעוו. אָבער פלאָסי און דזשעני (די אינגערע טעכטער — אַרבּעטערנס) אַרבּעטן היינט נעבעך און אַרבּעטן שווערער פאַר דיר. זאָל איך שטימען פאַר דיינעם און זיי פאַרבּיטערן דאָס האַרץ?

די אינגלעך לאָזן מיך ניט אָפּ און זאָגן, אַז זיי גייען מיך בּאַגלייטן צום שטים-קאַסטן און יעדערער דילט מיר אַ קאָפּ מיט זיינע טאַינעס און מיט זיינע פּאַרטיי-קאַנדידאַטן. איך שטופּ זיי אָפּ און לייג אָפּ די זאַך אַף שפּעטער. איך וועל זיך נאָך מעיאַשעוו זיין.

און אין האַרצן טראַכט איך מיך: טאָמער וואָלט געווען אַ סוואָרע טאַקע צו פאָלגן דזשענען און גאָר ניט שטימען?

סאָפּקאָלסאָף מאַך איך זיך האַרץ און איך גיי אָפּגעבּן מיין שטים. ווי צו שטימען, ווייס איך נאָך אַלץ ניט. אָבער איך קלער, אַז בּאַ דער לעצטער מינוט וועט שוין מיר דער אויבּערשטער העלפן און אַריינגעבּן אין מויעך אַ געדאַנק, ווי יויצע צו זיין פאַר אַלעמען.

און אַז איך קום אַהין, און איך זאָג זיי מיין נאָמען, קוקן מיך אַלע אָן, ווי אַ גרינעם, און מע זאָגט מיר, אַז אין בּוך שטייט פאַרשריבּן, אַז איך האָבּ שוין געשטימט.

פרעג איך זיי: — ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? איך בּין דאָך היינט פון הויז ניט אַרויס! אָבער זיי שמייכלען, די שרייבּער וואָס זיצן דאָרט. דער גראָבּער פּאָליסמאַן שמייכלט אויך. אַ מאַן מיט אַ בּענדל אַף זיין לאַץ רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט און זאָגט צו מיר אין אידיש: — פאַרפאַלן, מיסטער, דאָ איז בּאַגאַנגען געוואָרן אַ שווינדל: איינער האָט זיך דאָ אַריינגעכאַפּט אַביסל פריער און אָפּגעשטימט אַף אייער נאָמען.

איך בּין אַוועק און געהערט, ווי דער מאַן מיט דעם בּענדל האָט געלאַכט. אַז איך האָבּ דאָס דערציילט מיינע קינדער, האָבּן זיי אויך געלאַכט. זאָלן זיי לאַכן געזונטערהייט.

פראגן:

1) מיט וואָס פאַר אַ שווינדלערייען, שפּיצלעך נאַרט מען אויס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער בּאַ די מאַסן די שטימען?

2) וועמען לוינט דערדאַזיקער טומל פאַר די וואַלן?

פון אַ צאַרישער פעלקער-טפיסע צו אַ סאָציאַליסטישן פעלקער-פאַרבאַנד

די צאַרישע אָרדענונג און די ניט-רוסישע פעלקער

די צאַרישע רעגירונג האָט קיינמאָל ניט געזאָרגט פאַר די העכער הונדערט פעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אין דער געוועזענער רוסישער אימפעריע.

זי איז געווען אַ בייזע שטיף-מוטער סײַ פאַר די רוסישע האָרעפּאַשנע מאַסן, סײַ פאַר די פעלקער, וואָס האָב געוואוינט אַף דעם שעטעך פון צאַרישן רוסלאַנד. איבערהויפּט האָט זי געדריקט די אַרבעטנדיקע.

די בורזשואַזיע פון פאַרשיידענע פעלקער פון רוסלאַנד פלעגט זיך ווי ס'איז צונויפריידן צווישן זיך וועגן אירע געשעפטן.

אָבער די האָרעפּאַשנע מאַסן פון די אונטערדריקטע פעלקער האָבן געליטן אין צווייען.

קיין שולן אַף דער מוטער-שפּראַך זײַנען בײַ די ניט-רוסישע פעלקער ניט געווען.

ניט קיין קינדער, ניט קיין דערוואַקסענע האָבן זיך ניט געקאָנט לערנען.

אין צאַרישן רוסלאַנד זײַנען געווען גאַנצע פעלקער אַמעראַצים.

ניט נאָר קיין בילדונג, אַפילע ריכטיקע מעדיציניש הילף פלעגן זיי ניט קריגן. הונדערטער מענטשן אין די סטעפּעס, אין די פאַרפראָרענע בלאָטעס, אין די געדיכטע צאָפן-וועלדער פלעגן אויסשטאַרבן פון פלעק-טיפוס און פון אַנדערע אַנשטעקנדיקע קרענק.

די ווירטשאַפט איז בײַ די אַלע פעלקער זייער אַן אָפּגעשטאַנענע. אַנדערע וואַנדער-פעלקער וואַנדערן אַרום זייער גאַנצן לעבן אין די ברייטע סטעפּעס. וואוינען אין פאַלאַטקעס, אין שמוץ. די, וואָס פאַר-

נעמען זיך יאַ מיט ערד-אַרבעט, אַקערן די ערד מיט מאַטיקעס אָדער מיט הילצערנע אַקערס.

קיין פאַבריקן און זאַוואָדן האָט די צאַרישע רעגירונג אין די ערטער, וואו ס'האָבן געוואוינט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ניט געבויט.

זי פלעגט בעסער אַרויספירן פון דאָרטן די רוי-שטאָפן אין צענטראַל רוסלאַנד.

אַזוי פלעגט באַהאַנדלען די צאַרישע רעגירונג ניט נאָר די גאָר אָפּגעשטאַנענע פעלקער, נאָר אויך ווייסרוסן, אוקראַינער.

די לאַגע פון די אידן אין צאַרישן רוסלאַנד

אידן האָבן אויך ניט ווייניק געליטן אין יענע צייטן. אַסאַך געדענקען נאָך דעם טכום (טשערטאַ אָסעדלאָסטי): אידן האָבן געקאָנט וואוינען נאָר אין געוויסע גובערניעס און דאָס נאָר אין שטעט און שטעטלעך, אָבער ניט אין דאָרף.

אידישע קינדער אין די רוסישע שולן פלעגט מען אַנעמען לויט אַ פּראָצענט-נאָרמע.

צו ערד-אַרבעט, אין פאַבריקן און אַף זאַוואָדן און מעלוכע-שטעלעס פלעגט מען אידן ניט צולאָזן.

די פּאָגראָם-פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג

די צאַרישע רעגירונג פלעגט פלאַנצן טינע באַ איין פאָלק צום צווייטן. מיט דעם האָט זי געוואָלט אָפּווענדן פון זיך דעם קאַעס פון די אונטערדריקטע האָרעפּאַשנע מאַסן.

זי פלעגט אָנרייצן איין פאָלק אָפן צווייטן: רוסן אַף אידן, רוסן אַף פּוילן, טאַטערן אַף אַרמענער און אַזוי ווייטער.

ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פלעגט זיך פאַרשטאַרקן, פלעגט די רעגירונג אָרגאַניזירן פּאָגראָמען, שכיטעס, בילבולים א. א. וו.

קעשעניעווער, זשיטאָמירער, האָמליער, ביאַלאָסטאָקער, אָדעסער, פּאָגראָמען, אַרמענישע שכיטעס אַף קאַווקאַז, מאַיסע ביילים, דאָס זיינען געווען אַן ענטפער אַף די הונדערטער שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יענע צייטן אין רוסלאַנד.

פראגן:

1) וועלכע באגרענצונגען זיינען געווען פאר אידן בא דער צארישער רעגירונג?

2) צוליב וואָס פלעגט די צארישע רעגירונג מאכן אידישע און אנדערע פּאָגראָמען?

3) וואָס געדענקט איר אָדער וואָס האָט איר געהערט וועגן לעבן פון די אידן ביז דער רעוואָלוציע?

י. קאָטיק

פון אַמאָל

(זיכרוינעס)

קיין קיעוו בין איך געקומען פרייטיק אינדערפרי און בין אַ פריילעכער אוועקגעגאנגען צו מיינעם אַ קאָרעוו. באַם ברעג דניעפּר האָט ער געהאַלטן אַ גאַסט-הויז.

באַם טיש האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אַ איידע אידן פון אַ צוואנציק פּערזאָנען.

מ'זעצט זיך עסן און עס פּאַרפירט זיך אַ לאַנגער שמועס.

אָבער פון וואָס שמועסט מען?

פון אָבלאַוועס.

פּאָליציי כאַפּט אידן! כאַפּט. כאַפּט, כאַפּט!

וואָס הייסט כאַפּט?

ביז אַהער האָב איך געוואוסט, אַז אידןליידן צאָרעס, אָבער אַז אידן ווערן אויך געכאַפּט, דאָס האָב איך לאַכלוטן ניט געוואוסט.

מיר האָט אַזש אַ שוויים אַרויסגעשלאָגן אַפן שטערן. פּאָליציי כאַפּט אידן! כאַפּט, כאַפּט, כאַפּט.

— איר ווייסט ניט. וואָס איז אַזוינס כאַפּן? רופט זיך אָן צו מיר אַ איד, וואָס האָט באַמערקט, אַז דער איניען איז פאַר מיר ניי — פּאַראַיאָרן האָט מען דאָ פּאַרכאַפּט אַ גאַנצע שול אידן... אַ שול אידן, איר פּאַרשטייט? אַ שול אידן.

— איז אַז אַ איד האָט דאָ ניט קיין רעכט צו וואוינען, דאַרף ער זיך באַהאַלטן? האָב איך ניט זיכער און אָפילע נאַרישלעך געפרעגט, און אַ קעלט איז מיר אַדורך די ביינער.

— נו, וואָס קלערט איר? אַוואַדע באַהאַלטן...

דאָ בין איך שוין אינגאַנצן געבליבן אָפּהענדיק.

— וואָס האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער? — האָב איך מיט־אַמאָל און מיט גאַל געפרעגט מיין קאַרעוו.

שאַ, שרעק זיך ניט, — האָט זיך אַריינגעמישט זיין ווייב, — מיר צאָלן געלט דעם פּריסטאַוו. ער באַקומט שוין דאָס זייניקע און טשעפּעט אונז ניט. בא אונז כאַפּט מען ניט... נאָר טאָמער טרעפט זיך יאָ אַמאָל אַן אָבלאַווע בא אונז, לאָזט מען זיי אַף מאָרגן גלייך אַרויס... ווארום דער פּריסטאַוו באַקומט דאָס זייניקע אין יאַד, אין יאַד...

איך האָב דערווייל באַמערקט אַז דער אוילעם מאַכט עטוואָס כויזעק פון מיר, מע לאַכט אונטער.

— וואָס שרעקט איר זיך אַזוי? — רופט זיך אָן עפּעס איינער אַן אוירעך — איר זייט דאָך אַ איד, און אַ איד דאַרף זיין געוואוינט צו אַזוינע זאַכן,.. און עטלעכע מיטאַמאָל דערציילן מיר, אַז מע האָט זיי שוין ניט איין מאָל געכאַפּט, ניט איין מאָל איבערגענעכטיקט אין קאָזע — און מע לעבט.

אַן אָבלאַווע

פונקט אַזייגער עלף, בעאַיים מיר האָבן נאָך געהאַלטן באַם רעכטן צימעס, וואָס איז דאָפּקע געווען גערואָטן, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן קלונג. אַ קלונג פון אַ זייערער האַנט. אַזוי קלינגט ניט אַ גאַסט. אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער מיט טויטע פּנעמער.

— אַן אָבלאַווע! ... — האָט זיך בא עמעצן פאַרשטיקט אַרויסגעריסן.

די אידעלעך, וואָס האָבן פריער אַזוי דרייסט גערעדט פון אָבלאַוועס. זיינען איצט, אין מיטן צימער, צעמישט געוואָרן.

מיין קרויווע, וואָס איז געווען זייער אַ פּראַקטישע, האָט מיך אָנגעכאַפּט בא דער האַנט און אַ שעפּטשע געטאָן:

— קום גיכער, אַן אָבלאַווע, איך וועל דיך באַהאַלטן. און זי לויפט מיט מיר, שלעפּנדיק מיך פאַר דער האַנט. לויפן אָבער אַלע. עס לויפן די שיינע אידן, עס לויפן די מעקלערס, די קרעמערס. — אַ שרעקלעכער געלויף. אַפּאַנעם, אין קאָזע איז ניט אַזוי גרינג צו זיצן, ווי זיי האָבן פריער גערעדט.

די קרויווע איז מיט מיר פארלאפן אין שלאפצימער.

דארט פירט זי מיך צו צו א בעט און הייסט מיר ארונטער־קריכן.

— קריך, קריך ארונטער. שעם זיך ניט.

די שיינע אידן טוען עס אבער געשיקטער פון מיר. זיי ליגן שוין אלע אונטער די בעטן. און איך בין אויך ארונטערגעקראכן. אונטערן בעט הער איך א שווער סאפעניש פון מיינע אונטערבעט כאווירים און איך הער אויך, ווי עס קלאפט זיי דאס הארץ. פארקערט, איך אליין האב זיך שוין ניט אזוי געשראקן. איך האב דערויף אזוי ווי קיין צייט ניט געהאט.

א מאדנע בילד. אונטערן בעט ליגן זיך אידעלעך מיט שיינע בערד, טאטעס פון קינדער און מע סאפעט, ווי גענז.

אז איך שטרענג אן גוט דעם אויער, הער איך ווי פאליציי גייט ארום מיט שווערע טריט אין יענע צימערן און מע רעדט מיט גראבע שטימען. דאס מאל איז אבער די אבלאווע צוגעגאנגען זייער „לייכט", ווארום אנגעפירט געווארן איז זי פונם „גוטן" פריסטאוו. ער אליין איז דערביי געווען, נאר אזוי ווי כאפן עפעס מוז ער, האט ער לעפאנים וועגן צוגעכאפט אן ארעמען אידן, וואס האט זיך אויפגעהאלטן אין גאסט־הויז. מעגלעך, אז דערדאזיקער איד האט אמישנע זיך אנגענומען אף אזא מין „שטעלע".

אז זיי זיינען אוועק, זיינען מיר ארויסגעקראכן פון אונטערן בעט...

מיר האבן זייער שיין אויסגעזען. אף די שאבעסדיקע מאלבושים איז געהאנגען שפינוועבס און ס'האבן זיך געזען גרויסע פלעקן פון שטויב.

פראגן:

1) פארוואס האט די פאליציי געמאכט אן „אבלאווע" אף דער גאסט־הויז?

2) עפשער איז אייך אויסגעקומען זיין ביז 1917־טן יאר אויסערן טכום, ניט האבנדיק קיין וואוינרעכט? דערציילט וועגן דעם.

אידל רעוזין

סאשע דעם גאַלעכס

אַלט און אָפּגעקראָכן איז שוין איצט דער סטרעשינער קלויסטער. די באַגילדעטע קופּאָלן זייַנען אָפּגעבליאַקעוועט און ערטערווייז פאַר-זשאַווערט, די ווענט — פאַרגעלטע און אָפּגעפּאַלן, און זיין אומעטיקער גלעקער-קלאַנג וואַרפט שוין מער אַף קיינעם ניט קיין פּאַכעד אָן.

נאָר ס׳איז געווען אַ צייט, ווען דער סטרעשינער קלויסטער איז גאַיווערדיק געגאַנגען אין די פרישע גאָלדענע קופּאָלן מיט די צלאָמים-פונקען אינדערהויך, די דעכער און די אויבערשטיבלעך געדיכט גע-פאַרבט אַף גרין. די ווענט העלע, שניי-ווייס געקאַלכט, און דער גלע-קער-קלאַנג זיינער אום פּאַסכע פלעגט אָנוואַרפן אַן איימע אַפן גאַנצן שטעטל...

אין שטעטל אויבנאָן — אַ גרויסער פּלאַץ, דער סטרעשינער בול-וואַר. אין צענטר פונם בולוואַר — דער קלויסטער. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום — אַ גרינער טעפּיך. 2 אויסגעטראָטענע שטעגעלעך שניידן אי-בער דעם בולוואַר. איינע פירט צום קלויסטער, די אַנדערע צום גאַ-לעכס שטוב.

די קלויסטער-צלאָמים אינדערהייך אַף די קופּאָלן בלישטשען און צעשיטן זיך אין פונקען אַף דער זון.

פון איין עק אַלייע צום צווייטן און צוריק שפּאַנט אום רואיק, טראָט בא טראָט דער אַלטער גאַלעך. דער קאָפּ — אָנטבלויזט, שטאָלץ און גלייך ווי אַ מאָן פון אַ יאָר דרייסיק. דער פּאָנים — ראָז און גלאַט. זיין גרינגער, זומערדיקער פרימאָרגן-כאַלאַט באַפּוצט מיט אַ וואַגיקן, זילבערנעם קרייץ. ער שפּאַצירט אַרום אַזוי און ווארט, ביז דער שוי-מער וועט אים עפענען דעם קלויסטער, און ער וועט אַריין זיך גריסן מיטן פּאָטער אין הימל, מיט יעזוסן און מיט די איבעריקע הייליקע, וואָס האָבן אים פאַרזאָרגט מיט אַזאַ רואיק, זאַט און בעקאָוועדיק לעבן דאָ אַף דער ערד.

אַרום דעם קלויסטער-פּאַרקאָן קלייבן זיך שוין פויערים און פוי-ערטעס, דאַוונער. ווער ס׳ט האָט געבראַכט דעם הייליקן פּאָטער אַ שטיק לייוונט אַ מאַטאַנע, ווער אַן אַף און ווער אַ מייע אייער, — דאָס פּאָטערל זאָל זיך כאָטש ניט אָפּזאָגן פון דער מאַטאַנע.

אין דער אַלייע באַווייזט זיך סאַשע דעם גאַלעכס מיטן הונט זיינעם „ראַזבאַי“ אַף דער קייט. די טאַש אָנגעשטאָפּט מיט יאַגד-רויב, אַף דער פּלייצע אַ יעגער ביקסל. ער גייט און קוקט אינערגעץ נים. די גלאַט-אויסגעגאָלטע מאָרדע, די עטוואָס גרוילעכע באַקנבאַרדן און די האַרטע שטעכיקע וואָנצן איבערפולט מיט רעציכע. די פּלייצע עטוואָס אייגגעהויקערט. ער גייט מיט אַ שווערן טראָט פון אַן אַלטן שיקער. דער הונט אַפריער און ער פון הינטן, ביז זיי ווערן ביידע פאַרשוואונדן הינטער די געדיכטע קאַשטאַנען-בוימער.

שטיל. ווערים און ליב. אין די גערטנדלעך פאַר די הייזער זינגען פויגעלעך, שפּרינגענדיק פון איין קוסט אַפן צווייטן; פון איין צווייג אַף דעם אַנדערן...

האָט זיך אַ איד פאַרגעסן און געוואָלט דורכגיין דורכן געסל צום דניעפּר. זיך פאַרגעסן — אָדער זיך מיט דרייסטקייט אָנגענומען.

פונם פענסטער באַווייזט זיך טייקעף אַ רויטע צורע, אַ פּאָר גרינע אויגן שרייען אוים:

— סטאָי!!!

אַ שאַרע הינט רינגלען גלייך אַרום דעם אידן. פליקן, בייסן אים פון אַלע זייטן, סאַשע גייט אַרויס פון שטוב; לאָזט אַראָפּ פון דער קייט „ראַזבאָיען“ און לאָזט אים אַרויף אַף דעם אידן. „ראַזבאַי“ ווייסט גוט זיין באַלעבאָס געפילן צו דעם אידן. זיינע ציין זייגען שאַרף און שניידן זיך אַריין אין לייב. קיינע געבעטן, קיין געוויין העלפט נים:

— זשיד!!!

און אַמאָל האָט געטראָפן:

באַנאַכט. דאָס שטעטעלע איז איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף פון זומער-נאַכט. שטיל. מיטאַמאָל אַ געקלאַנג פון די גלעקער אין קלויסטער, אַ שיסעריי אין גאַלאַכישן געסל.

גאַנץ שטעטל איז מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען און איז געבליבן טויט.

מע האָט פאַרשטאַנען. סאַשע זוכט אַ טערעץ אַף מאַכן אַ פּאָ- גראָם. ער האָט בעקיוון אָנגעהויבן שיסן באַנאַכט אויפגעהויבן אַ אַליאַרם, און אַף מאָרגן וועט ער זאָגן;

— די אידן זייגען מיר באַפאַלן און געוואָלט מיך קוילן.

אינדערפֿרי האָט פּאָליציי געפירט צו מאַשען אַלע מאַנסבלען, ער זאָל דערקענען, ווער איז דאָס בײַ אים געווען באַנאַכט פֿון די „אַנאַר-כיסטן“.

און ער האָט דערקענט. און די וואָס ער האָט „דערקענט“, האָט מען גלייך צוגענומען און אַוועקגעפירט.

טאַטעס האָבן זיך געבעטן, געפאַלן צום שטויב פֿון די ראָצכישע פיס. שוועסטער און מאַמעס האָבן געוויינט — נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפֿן:

— זשיד!!!

און נאָכדעם.

איך געדענק עס קוים-קוים, ווי דורך אַ כאָלעם. איך בין דאַן גאָר אַ קליין קינד געווען. אין גאַס האָט זיך דערהערט אַ מאָדנער געזאַנג „גאָט, היט דעם קייסער“. פֿאָרויס איז געגאַנגען מאַשע דעם גאַלעכם מיט די הייליקע בילדער, מיטן קייסערס פּאָרטרעט. נאָך אים — אַ גאַנצע מאַכנע שיקערע באַנדיטן. עס האָט אָנגעהויבן קנאַקן שויבן...

מיר זיינען אַלע אַפּגיך אַראָפּ אין קעלער. די ניי-מאַשין האָט מען באַהאַלטן אין שטאַל אין היי. מע איז געבליבן אַלע זיצן בלייכע, שטומע אָן אָטעם. פֿון גאַס האָבן מיר אַלץ געהערט, ווי עס קנאַקן שויבן, זיפֿצן, געשרייען — און צווישן אַלע ווילדע קוילעם — מאַשעס קאָמאַנדע:

— שלאָג די זשידעם!!!

— גאָט, היט דעם קייסער!

— — — — — — — — — — — — — — —

פֿראַגן:

1) צי געדענקט זיך אייך אַזאַ בילד פֿון אַמאָל?

2) מיט וואָס דערקלערט זיך די ווילדע סינע פֿון די גאַלאָכים צו אונז?

3) וועלכן קלאַס האָבן אונטערגעהאַלטן די גייסטלעכע?

4) צי באַרעכטיקט איר דאָס, וואָס די גייסטלעכע (גאַלאָכים, ראַבאָנים) האָבן ניט בײַ אונז קיין פּאָליטישע רעכט?

שאלעם אליי כעם.

אַרויסגעטריבן פון דאָרף

(דערציילט פון טעוויע דעם מילכעקן)

זיץ איך מיר אַזוי איינמאָל אַף דער פּריזבע בא מיין שטוב, פאַרטיפט אין מאַכשאָוועס. זומער לעבן. די זון באַקט, און דער קאָפּ טראַגט: סטייטש, סטייטש, היינטיקע צייטן, אַזאַ קלוגע וועלט. סטייטש און ווידער אַמאָל סטייטש. דערווייל, אַזוי ווי איך זיץ מיר פאַרטיפט אין דידאָזיקע געדאַנקען, איך טו א קוק — אַ ווייס פערדל, און עמעצער זיצט אַף אים רייטנדיק, און גלייך צום טויער פון מיין שטוב: טפררררו. — אָפּגעשטעלט זיך, אַראָפּגעקראָכן, צוגעבונדן דאָס פערדל צום טויער, און ⌊אַליין⌋ צו מיר. — זדראַסטוואוי, טעוועל.

— זדראַסטאטי, זדראַסטאטי, וואַשע בלאַגאָראָדיע — ענטפער איך אָפּ גאַנץ ברייטלעך, און אין האַרצן טראַכט איך זיך: — שוין ווידער עפּשער אַן אָנשיקעניש... און איך שטיי אויף אַנטקעגן אוריאַדניק, הייסט עס: — אַ גאַסט, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס אַף דער גרויסער וועלט און וואָס ועסטו, זאָג איך, זאָגן גוטס, אַדויגי פאָרעץ — און דאָס האַרץ פאַלט מיר שיר ניט אַרוים. איך וויל שוין וויסן, וואָס און ווען? און ער, דער אוריאַדניק, הייסט עס, האָט זיך אָבער צייט. ער פאַררויכערט זיך גאַנץ פיין אַ פּאַפּיראָס, בלאָזט אַרוים דעם רויך, שפּייט אוים און רופט זיך אָן צו מיר:

— וויפל, אַשטייגער, צייט דאַרפסטו האָבן אַף צו פאַרקויפן, זאָגט ער, דיין כאַטע ⌊מיט⌋ דיינע אַלע בעבעכעם?

קוק איך אים אָן: — צו וואָס, זאָג איך, זאָל איך פאַרקויפן מיין כאַטע? ווען, לעמאָשל, מאַכט זי עם ענג?

— ענג, זאָגט ער, מאַכט זי קיינעם ניט. נאָר איך בין געקומען, זאָגט ער, דיך אַרויסשיקן פון דאָרף.

— סאַכאַקל, זאָג איך, מער ניט. פאַר וואָסערע מאַסים טוווים? מיט וואָס, זאָג איך, האָב איך פאַרדינט אַזאַ קאָוועד?...

— דאָס איז ניט איך שיק דיך אַרוים, זאָגט ער, דיך ׳שיקט אַרוים דער גובערנאַטאָר.

— דער גובערנאַטאָר, זאָג איך, וואָס האָט ער אין מיר געזען אַזוינס?

— ניט נאָר דיך אַליין, זאָגט ער, און ניט נאָר פונדאַנען. נאָר אַלע אידן פון אַלע דערפער אַרום און אַרום.

פאַרדריסט דאָס מיר און איך רוף מיך אָן צו אים, צום אוריאַד-ניק, הייסט עס: — זאָג מיר, זאָג איך, צי ווייסטו, אַז איך, וואַשע בלא-גאָראָדיע, זיץ דאָ אין דעם דאָרף שוין אַסאַך פריער פון דיר?... דו ווייסט, זאָג איך, אַז אָט דאָ, אין דעם ווינקל איז נאָך מיין טאַטע גע-זעסן און מיין זיידע און איך פויל זיך ניט און רעכן אים אויס די גאַנצע מישפּאָכע בּאַ די נעמען, וואו ווער ס'איז געזעסן און וואו ווער ס'איז געשטאָרבן...

הערט ער מיך אויס, דער אוריאַדניק, הייסט עס, און אַז איך האָב געענדיקט, מאַכט ער צו מיר: — דו ביסט א ציקאַווער איד, זאָגט ער, טעוועל, און דו האָסט אין זיך גיין מאָס רייד. צו וואָס טויגן מיר דיינע מאַיסעס פון באָבעס און זיידעס, זאָגט ער?

— איך האָב, זאָגט ער, קיין צייט ניט מיט דיר צו באַלאַקען פּוסטע רייד. עס איז מיר אָנגעקומען אַ פּאַפּיר, זאָגט ער, און ווייטער גייט מיר ניט אָן. קום, זאָגט ער, וועסטו מיר, זאָגט ער, כאַסמענען דאָס פּאַפּיר, און צייט אַף אַרויסצופאָרן גיט מען דיר, זאָגט ער, דריי טעג, זאָלסט קאָנען, זאָגט ער, אויספאַרקויפן אַלצדינג און צוגרייטן זיך אין וועג אַריין.

גיי איך אַריין אין שטוב אַריין און טו מיר אַ זאָג צו מיין טאָכטער דער אַלמאָנע: — צייטל, זאָג איך, מיר קלייבן זיך אַרויס, זאָג איך, פונדאַנען ערגעץ אין שטאָט אַריין. גענוג שוין גע-זעסן אין דאָרף, זאָג איך. דו נעם אקארשט, זאָג איך, און הויב אָן באַצייטנס זיך צוגרייטן מיטן בעטגעוואַנט, מיטן סאַמאָוואַר און מיט די שאר-יעראָקעס. עס איז אָנגעקומען, זאָג איך, אַ פּאַפּיר, אַז מיר זאָלן אָפּרייניקן דאָס אָרט און אין דריי טעג אַרום זאָל אונזער דעך דאָ ניט בּלייבן.

דערהערט פון מיר אַזאַ בּסורע, אַז זי מאַכט ניט קיין געוויין, די אַלמאָנע מיינע, און די קינדערלעך אירע, אַף איר קוקנדיק, האָבּן זיך גלאַט צעוויינט. ווער איך שוין אין קאַעס און לאָז אויס מיין גאַנץ ביטער האַרץ אַף מיין טאָכטער, נעבעך: — וואָס האָט איר זיך, — זאָג איך, — צעיאַמערט פלוצים אינמיטן דערינען. וואָס בין איך עפּעס אַ בּען-

יאָכיד, — זאָג איך. — קאַרג אידן, — זאָג איך, — ווערן איצטער אַרויסגעטריבֿן פֿון די דערפֿער? גיי האַרך, — זאָג איך, — אַז דיין אנאַטעווקע, וואָס איז ביז אַהער געווען אַ שטעטל, ווערט דאָס שוין אויך אַ דאָרף, צוליבֿ די אנאַטעווקער אידן, מע זאָל זיי קענען אַרויסטרייבֿן אַלעמען. ווי באַלד אַזוי, — זאָג איך, — מיט וואָס זשע, — זאָג איך, — בין איך ערגער פֿון אַלע אידן...

אָט אַזוי, רייד איך איר אויס דאָס האַרץ, דער טאָכטער מיינער. בעקיצער, איך האָב איר געגעבֿן צו פֿאַרשטיין מיט אַ סייכל, אַז דער אוריאַדניק קומט און ברענגט אַ פּאַפּיר, אַז מע זאָל, הייסט דאָס, גיין, קאָן מען דאָך קיין כאַזער ניט זיין און מע דאַרף גיין. און אַליין בין איך אַוועק אין דאָרף מאַכן אַ טאָלק מיט דער כאַטע. אין איין טאָג האָב איך אויספֿאַרקויפֿט, בעכאָצע כינעם געוויינלעך, דאָס גאַנצע דאָבֿרע מאַזל. געמאַכט פֿון אַלצדינג געלט און בין אַוועק דינגען אַ פֿור פֿאַרנעמען דאָס איבֿערגעבליבֿענע ביסל אָרעמקייט. פֿאַרן אַוועקפֿאָרן קום איך אַהיים, טרעף איך שוין ניט קיין שטוב, נאָר אַ כורווע. די ווענט נאַקעט. אף דער ערד פּעקלעך, מיט פּעקלעך, מיט פּעקלעך! אפֿן פּריפּעטשיק זיצט די קאַץ — טרויעריק. עס האָט מיר אַזש אַ נעם געגעבֿן באַם האַרצן. דאַ אויסגעוואַקסן, דאָ פֿאַרשוואַרצט געוואָרן און פּלוצים אין מיטן דערינען — גיי...

זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, ס'אַ פֿאַרדראָסיקע זאַך.

פֿראַגן:

1) פֿאַרוואָס איז טעוויען אויסגעקומען אַרויסקלייבן זיך פֿון דאָרף?
2) וואָס זיינען געווען טעוויעס טאַינעס קעגן דער אַרויסשיקונג?
3) וואָס טוט די ראַטנמאַכט קעדיי אַריינציען אידן אין לאַנדווירטשאַפֿט?

א. קיפּניס

פּעטליורעס מאַיסים-טויווים

מיט וואָס איז קאַזור-זירקאָ* אַוועקגעפֿאָרן פֿון אוורוטש? ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון אוורוטש מיט קאָלדרעס, מיט געוואַנטן. מיט אַנגעפּרעסענע פּיסקעס און עטוואָס דערשראָקן.

* קאַזור-זירקאָ — איינער פֿון פּעטליורעס אַטאַמאַנען.

די באָלשעוויקעס גייען אף אים פון מאָזיר.

טאָ וואָס האָט קאזור-זירקאָ געבעטן פאָרן אוועקגיין?

זיינע שעלוכים זיינען געקומען צולויפן און האָבן איבערגעגעבן, אַז קאזור-זירקאָ האָט געבעטן, די שענסטע לייט פון שטאָט זאָלן אַרויס צו זיי צום באַן, ער דאַרף עפּעס זאָגן.

און צי די אידן זיינען געגאַנגען?

יאָ, געגאַנגען, — דער הויפּט פון שטאָט, די וואַגיקסטע האָבן גענומען אונטערפרישן איינער דעם אַנדערן און... ער וויל עפּעס זאָגן, און... מע מוז גיין. און... מע ווייסט נאָך ניט, צי זיי פאָרן שוין אוועק. און... מע קען אים ניט מעוואַזע זיין — מע מוז אויסהערן „זיין" רעטש אויך!

60, 70, 100 מענטשן זיינען אַוועק צום באַן עפּעס הערן. דער באַן אָבער האָט נאָך צייט, ער קאָן נאָך מיט דעם אוילעם שפּילן, ווי א קאַץ מיט אַ מויז:

טאָ זאָלן זיי דערווייל וואַשן די ווענט פון די וואַגאָנעם.

זאָלן זיי זינגען לידער פון ציאָן.

זאָלן זיי ווייזן די שטיוול — עמעצער פון זיי גייט דאָך נאָך, דוכט זיך. אין שטיוול, און...

זאָלן זיי פּאַטשן איינער דעם אַנדערן אין די באַקן, און...

דער פּאַראָוואָז פייפט שוין, טאָ זאָלן זיי, די אידן, זיך אויסגלייכן און הערן — דער צוג גייט דאָך שוין אַוועק!...

הערן איז שוין געווען וואָס. ס'איז אַפילע געווען וואָס צו זעען אויך (ווען ס'וואָלט מיטאַמאָל ניט געוואָרן פינצטער אין די אויגן): דולעם פון ביקסן, רעוואָלווערן, שאָסן-קנאַקן, רויך און בלוט.

עפּשער זיינען זיי שוין אַלע געווען אויסגעקערט מיט די נאַקנס צום לויפן, — פּים אָבער האָבן זיי געהאַט קורצע.

דער באַן איז אַוועקגעפאָרן, ווי א פאַבריטשנע מאַשין, און האָט געקאָסעט און ניט געלייגט אין קיין גארבן, נאָר גלייך אין סטויג אַריין.

דער באַן איז אַוועקגעפאָרן, און אַפילע קיין איין אויסגעפּוצטן פּעטליוראָוועץ ניט איבערגעלאָזט אף קיין רעפּוע. און אין אַ האַלבער שאָ אָרום ערשט איז די שטאָט געלאָפן געוואַוירע ווערן:

„פאַר וואָס קומען ניט די שטאָטלייט אַזוי לאַנג? פאַרוואָס האָט מען געהערט אַזוי לאַנג שיסן, און דער באַן האָט געפייפט (ס'איז דאָך אינגאַנצן א ווערסט פון שטאָט). עפשער א נייע מילכאָמע? נו, יאָ, —

— — — — — — — — — — — — — — —

א שא האָט געווערט דערקענען.

לעבעדיקע האָבן פרישע, נאָך וואַרעמע פריינט געדאַרפט דערקענען.

יעדער נאָך וואַרעמער פאַרבלוטיקטער קערפער איז געווען אָפּגעשלעפּט אין אַ זייט. א הייפל לעבעדיקע פון ווייב און קינד, פון שוועסטער און ברידער האָבן זיך אַנידערגעזעצט באַהיילן זייער אומגעריכטן וואַרעמען קאַרבן. הייפעלעך, הייפעלעך זיינען צוגעקומען מיט צעגרוילטע לייבער, מיט פלוצלעכע צעבויטעטע אויגן. אינדערגיך געוואָרפן, געדערקענט, געפונען, — און זיך אַנידערגעזעצט אָפּריכטן די יעלאָלע. אָט פונקט, ווי נאָך דעם וואָלטן זיי געגאַנגען אהער שוין פון פריער צוגעגרייטע, אָדער ווי ס'וואָלט, עפשער געווען פון פריער אַזאַ מינהעג. א פאָלק-טאָג אַזאַ, וועלכן מע דאַרף אָפּריכטן און קלאָגן: הייפל און הייפל — און איר קאָרבן, הייפל און הייפל — און איר אומפאַרצוימטער גרוילנדיקער באַסקאָל.

באַפּעטיקט אַ פעלד מיט בלוט, און מע ווייסט ניט ווער איז דער באַלעבאָס פון דעם ביילעק ערד.

— — — — — — — — — — — — — — —

„פערציק אָן איינעם" — האָט דערנאָך אין א צייט אַרום א יונגערמאַן אריינגעשריבן אין אַ בלאַט.

א פאַרשטעקטע, א הילפלאָזע מאַצייווע:

„40 אָן איינעם".

פ ר א ג ן :

1) צי געדענקט איר די פּאָגראָמען, וואָס עס פלעגט מאַכן די צאַרישע רעגירונג?

2) ווי האָבן זיך באַצויגן צו דער אידישער באַפעלקערונג די ווייסגווארדייאישע באַנדעס בעשאַסן בירגער-קריג?

3) פאַרוואָס האָבן די ווייסגווארדייער געמאַכט פּאָגראָמען און אויף וועמען האָבן זיי זיך געשטיצט?

דער אלטער טיליאבאי און דער צווייקעפיקער פויגל

אפ טויזנטער ווייארסט רוישן די טרוקענע סטעפעס.

פאריאגט און דערשלאגן פונם רוסישן באלעגופ און דורך דער צארישער רעגירונג, זיינען די קירגיזן אוועק אין די בערג. דארט האבן זיי געלעבט ארעם און ענג, דערמאנענדיק זיך וועגן פרייען און זאטן לעבן, וואס זיי האבן געפירט ביזן אנקומען פון די אורוסן.

עס ווייסט אסאך דער אלטער קירגיז טיליאבאי. ער געדענקט, ווי אין דער יוגנט איז ער בלינד געווארן. דאס איז געווען שוין לאנג.

איבער רוסלאנד האט דעמאלט רעגירט דער צאר.

איינמאל איז טיליאבאי געפארן אין א רוסישן אישעוו איינקויפן פולווער און העל־רויטע קארעלן פאר זיין קאלע.

צוגעבונדן דאס פערד אפן מארק און אליין איז ער אוועק קוקן אפ די גרויסעביידלעך פון די אורוסן, וועלכע מע קאן ניט א רוק מאן פונם ארט. אפ איין הויז האט ער דערזען א שווארצן טאוול מיט גאלדענע שטעקעלעך און אפ אים א מעשונעדיקן פויגל. ענלעך איז ער געווען דער פויגל אפ אן אדלער, נאר מיט צוויי קעפ. און וואו איז דאס גע־זען געווארן, אז אן אדלער זאל מיט צוויי קעפ זיין?

אנידערגעשטעלט זיך, האט טיליאבאי מיט אן אפענעם מויל פאר־קוקט זיך אפן פויגל. פונם הויז איז ארויסגעקומען א פאליציי־מאן אין א ווייסן אנצוג, מיט רויטע שנירלעך אפ די אקסלען, מיט א בויך א גראבן, א הענגענדיקן, מיט א נאהאיקע אין דער האריקער האנט, דער רויטער. אויסגעשטעקט אפ טיליאבאיען די שיקערע אויגן, און האט ווי א כאיע א רעווע געטאן:

— דאס היטל אראפ! פאר וועמען שטייסטו!...

טיליאבאי האט ניט פארשטאנען, ניט געקאנט קיין רוסיש. האט ער זיך אויסגעגלייכט, א קוק געטאן אפן שרייער מיט רואיק־ביטל־דיקע אויגן. דער רויטער איז צו און האט מיט דער לינקער האנט א שטויס געטאן טיליבאיען אין הארץ אריין מיטן נאנצן קויעך. טילי־באי האט זיך צעקאכט. דער רויטער האט א מאך געטאן מיט דער האנט, ס'האט א פייף געטאן די נאהאיקע — א שמיץ געטאן איבערן פנים, איבער טיליבאיעס אויגן.

געקומען צו זיך איז טיליאַבאַי ערשט בײַ זיך אין דאָרף. די שפּרע־בערינס האָבן אים לאַנג געהיילט און געשפּראָכן. אויסגע־רונען פונם קלאַפּ איז איין אויג אינגאַנצן. דאָס צווייטע האָט נאָך באַמערקט די זונענשיין. אָבער פון דער אומגעלונגענער היילונג, האָט עס אויך אין אַ האַלב יאָר אַרום אויפגעהערט צו זען.

און טיליאַבאַי איז בלינד געוואָרן.

האָבן אים פאַרלאָזן די פריינט. איז ער געבליבן אַליין מיט זיינע ליידן און מיט זיינע געדאַנקען. געלעבט האָט ער שטיל, איינזאַם, און נאָר אין זיין האַרץ איז געבליבן אַ האַס צום צווייקעפּיקן פויגל, וואָס האָט בײַ אים צוגענומען דאָס ליכט, די ליבע און דאָס גליק.

זיינען געגאַנגען יאָרן, וויסטע און גרויזאַמע מיט זייער עלנטקייט.

טיליאַבאַי האָט זיך געעלטערט. ער איז שוין אַריבער די זיבעציק.

דאָס פּאָנעם האָט זיך איינגערונצלט און די דאַרע הענט זיינען הענגען געבליבן.

איז געקומען אָקטיאַבר. האָבן די איינוואוינער פון די בערגישע אַאולן מיט אַ שפּיץ אויער געהערט, אַז די אורוסן האָבן פאַרטריבן דעם קייסער, די פריצים און די באַלעגופים, אַז אַ גרויסער געשלעג גייט איבער אַלע פעלדער פונם אומבאַקאַנטן רוסלאַנד. און אין די הייסע און טרוקענע סטעפּעס איז אַלץ געבליבן ווי פריער.

זיינען אַריבער נאָך צוויי יאָר הערשאַפט פון קאָלטשאַקן, דוטאָוון און אַנדערע צאַרישע גענעראַלן. ענדלעך זיינען געקומען די רויטע.

דער ערשטער מאַי פון 1920 יאָר.

אין אַ פאַרטאָג אַ העלן איז פונם אישעוו געקומען צו רייטן אַ שטאָטישער קירגיז. געהייסן גיין אַפן מיטינג: אַן אורוס פון מאָסקווע וועט ריידן מיט זיי.

איז דער אַאול אין אַ האַמוין געגאַנגען. האָט זיך אויך דער אַלטער טיליאַבאַי געשלעפּט.

אין אישעוו אַפן פּלאַץ האָט זיגעריש און פרייעלעך געשפּילט אַן אָרקעסטער.

אַ יונג קלינגענדיק־אָנגעשטרענגט קאָל האָט אָנגעהויבן ריידן אַף רוסיש.

דערנאָך האָט אַ יונגער קירגיז דאָס איבערגעזעצט און ציטערנ־דיק האָט טיליאַבאַי געהערט די וואונדערלעכע רייד פונם אורוס.

„מיר האָבן אייך געבראַכט די פרייהייט. איר זייט באַלעבאַטים פון דערדאָזיקער ערד, און זי געהערט אייך. מענטשן זיינען ברידער. ניטאָ קיין קירגיזן און ניטאָ קיין רוסן—אַלע זיינען גלייך.

באַ אייך האָבן ביז איצט געהערשט די באַלעגופים און פריצים. מיר ברענגען אייך די עכטע ארבעטער-מאַכט".

דער רעדנער האָט געענדיקט. זיין בליק איז געפאַלן אַף דער געביידע פונם ראַט און, ווייזנדיק מיטן פינגער, האָט ער אויסגעשריען:

— באַ אייך לעבט נאָך אַ רעשטל פון דער זעלבסטהערשונג, דער צוויי-קעפּיקער אָדלער. אַראָפּ אים פונם ראַט.

מיט אַ פריילעכן געטומל האָט זיך דער אוילעם אַ וואָרף געטאָן צום ראַט און האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווארטנדיק אַף אַ לייטער. אומגעריכט, צעשטופנדיק אַלעמען, מיט אַ פּאָנעם אַ פלאַמענדיקן און אַ באַגייסטערטן, איז פאַר אַלע ארויס טיליאַבאַי. ער האָט גענומען ריידן גיך, אָפּגעריסן און וואַרפנדיק מיט די הענט.

דער יונגער קירגיז האָט לאַכנדיק איבערגעזעצט זיינע ווערטער דעם רוסישן כאַווער.

— גוט, כאַווער, ער איז דער עלטסטער פון אייך, זאָל ער אָפּהאַקן דעם צייכן פון אייערע רעכטלאָזיקייט.

מע האָט געבראַכט אַ לייטער. מיט אַ יונגער, קרעפטיקער באַוועגונג איז טיליאַבאַי ארויף מיט דער האַק, אָנגעטאַפּט דעם פאַרשאָלטענעם פויגל און האָט מיט אַ ווילדן צאָרן גענומען האַקן איבער אים. עס האָבן אָנגעהויבן פליען שפּענדלעך. אַ קלאַפּ... נאָך אַמאָל... און אונטער געשרייען פונם האַמוין איז שווער אנידערגעפאַלן די שווערע אומגעהויערע כאַיע.

און טיליאַבאַי איז אַראָפּ, געוואָרפן די האַק און זיך אַוועקגעלאָזט אין סטעפּ אריין. ליכטיקע און פריידפולע טרערן זיינען געפאַלן אַפן גראָז פון די בלינדע אויגן.

עס ווייסט אַסאַך טיליאַבאַי. ער וועט אָפּלעבן די יאָרן זיצנדיק נעבן די ביידלעך מיט אַ פריידפולן קלאָרן פּאָנעם, ווייל ער ווייסט, אַז עס איז אַף שטענדיק פאַרניכטעט דער פאַרשאָלטענער פויגל, און אַז נייע מענטשן וועלן אויסוואַקסן און ניט וויסן דעם שווארצן דרוק פון די פליגל פונם צווייקעפּיקן אָדלער.

מ. פרומקינע (עסטער)

אונזער הערב

יעדע מעדינע האָט איר צייכן, אָדער ווי מע רופט דאָס אַן — הערב. דער צייכן פון צאַרישן רוסלאַנד איז געווען, ווי געזאָגט, אַ צווייקעפּיקער אָדלער מיט קרוינען אויף די קעפּ, מיט אַ קעניגלעכן רוט אין איין לאַפּע און מיט אַ קיילעך אין דער אַנדערער. דערדאָזי-קער רויב-פויגל האָט געדאַרפט פאַרשטעלן די מאַכט פון פּריצים און קאַפּיטאַליסטן איבער אַלע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע, די מאַכט פון רוסלאַנד איבער אַנדערע פעלקער — איבער פינלאַנד, פּוילן, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע א. א. וו.

דער הערב פון אונזער לאַנד איז אַ סערפּ און אַ האַמער, צוזאַמען פאַראייניקט. וואָס באַטייט אונזער הערב?

דער האַמער איז דעם אַרבעטערס ווערקצייג, דער סערפּ — דעם פּויערס. דער סערפּ און האַמער פאַראייניקט — דאָס באַטייט דער בונד צווישן אַרבעטער און פּויער. דעמדאָזיקן אייזערנעם בונד פון מיליאָנען האָט געגרינדעט איליטש. דערדאָזיקער בונד האָט געבראַכט צום ניצאָכן דעם אַרבעטער אין רוסלאַנד. דערדאָזיקער בונד וועט ברענגען צום ניצאָכן דעם אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט.

פראגן:

1) וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער הערב פון אונזער לאַנד?
2) פאַרוואָס באַשטייט אונזער הערב פון אַ סערפּ מיט אַ האַמער?

י. יערושאַלמי

פ. ס. ס. ר.

(פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטן-רעפּובליקן)

ווענן וואָס דערציילן אונז די העליש-פּייערדיקע פיר אויסיעס: פּ. ס. ס. ר., וואָס זיינען אונז אַלעמען אַזוי היימיש-נאָענט, אַזוי האַרציק-ליב געוואָרן.

פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטן-רעפּובליקן הייסט דאָס לאַנד, אין וועלכן מיר לעבן.

„ס"—סאָציאַליסטישע רעפּובליק רופט זיך אָן אונזער היימאַט—ווייל אונזער מעלוכע שטעלט זיך דעם ציל, וואָס גיכער קומען צום סאָציאַליזם. באַשאַפן אַזאַ אָרדענונג אַף דער וועלט, וואו יעדער אונטערדריקונג וועט אונטערגיין. עס וועט אומעגלעך ווערן די צעטיילונג אַף אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן, אָרעם און רייך. אַלץ וועט געהערן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט.

„ס", „ר"—סאָוועטן-רעפּובליק הייסט אונזער מעלוכע—ווייל די גאַנצע מאַכט געהערט בא אונז די אַרבעטער און פּויערים, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין ראַטן.

די ראַטן-רעפּובליק איז אַ נייע מעלוכע-מאַכט. זי איז דורך די אַרבעטער אַליין געשאַפן געוואָרן. זי ווערט אָנגעפירט דורך דעם אַרבעטער-קלאַס און שפּאַרט זיך אָן אַף דעם האַרעפּאַשנעם פּויערטום.

„פ"—פאַרבאַנד. אין איין פעסטן פאַרבאַנד זיינען פאַראייניקט אַלע ראַטן-רעפּובליקן.

פראַגן:

1) ווי רופט זיך אָן פאַרקירצט אונזער ראַטן-פאַרבאַנד?
2) וואָס באַטייט באַזונדער יעדער בוכשטאַב „פּ. ס. ס. ר."?
3) ווי רופט זיך די רעפּובליק, אין וועלכער איר וואוינט?



סכעמע נום. 1. ווי איז געבויט דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן *

* אירעטער אווטאָנאָמע געגנט גייט אַריין אין סיבירער קאַנט.

ע. פיניגבערג

אַ לאַנד אַ גרויס, אַ לאַנד א רויטס...

פייערטעג פאַראַן אַסאַך באַ ראַטנלאַנד,
און אָט איז נאָך אַ פייערטאָג — *
דער פייערטאָג פון פעלקער, דורעס-לאַנג געמאַטערטע,
וואס האָבן אויפגעברויזט מיט צאָרן מיט פאַרטאַיעטן,
און אַף מיט בלוט און ווייטיק אָנגעזאַפטער ערד
געבויט אַ לאַנד — דאָס לאַנד פ. ס. ס. ר.

די אויסבילדונג פון פסס״ר

ר. ס. פ. ס. ר.

איינער פון די ערשטע דעקרעטן פון דער ראַטנמאַכט אין אָקטיאַבר 1917 יאָר איז געווען די דעקלאַראַציע (עפנטלעכע דערקלערונג) וועגן די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד.

דידאָזיקע דעקלאַראַציע האָט געגעבן אַלע רוסלענדישע פעלקער די פולע פרייהייט און מעגלעכקייט איינאָרדענען זייער מעלוכע-לעבן לויט זייער אייגענעם ווילן.

אייניקע פעלקער האָבן דאַן געגרינדעט זייערע באַזונדערע רעפובליקן און אינגאַנצן אָפּגעטיילט זיך פון רוסלאַנד. אַזוי זיינען געבוירן געוואָרן די מעלוכעס: פוילן, עסטלאַנד, פינלאַנד, ליטע און לעטלאַנד.

אוקראַינע און קאַווקאַז, וואו עס האָט נאָך דאַן געבאַלעבאַטעוועט די בורזשואַזיע, האָבן אויך דערקלערט וועגן זייער אָפּטיילן זיך פון ראַטן-רוסלאַנד.

די קלענערע פעלקערשאַפטן אין די גרענעצן פון דער ראַטנרעפובליק גופע האָבן אויך אויסגעבילדעט זייערע אווטאָנאָמע (זעלב-

* דער טאָג פון דער קאָנסטיטוציע, דעם 6-טן יולי.

שטענדיקע) רעפובליקן און געגנטן (טאַטערשע, טשואוואשער און אזוי ווייטער).

זיי האָבן זיך אָבער אַלע פאַרייניקט מיט ראַטן-רוסלאַנד און האָבן געבילדעט די ראַטן-מעלוכע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען רוסלענדישע פעדעראַטיווע (פאַרייניקטע) סאָציאַליסטישע ראַטן-רע-פובליק (ר. ס. פ. ס. ר.)

פ. ס. ס. ר.

פון 1919 יאָר הויבט זיך אָן דאָס אויפשטעלן די ראַטנמאַכט אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַף קאַווקאַז.

ווען די אַרבעטנדיקע פון דידאָזיקע מעלוכעס זיינען נאָך אַ שווערן בירגער-קריג ענדגילטיק געקומען צו דער מאַכט האָבן זיי אָנגעהויבן זיך ענגער פאַרבונדן מיט ר. ס. פ. ס. ר. עס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן זיי אַ ריי אָפּמאַכן וועגן פאַרייניקן זיך אין אַן ענגן פאָליטישן און עקאָנאָמישן פאַרבאַנד אַף צו באַשיצן זיך פון דער אויסערלעכער און אינערלעכער קאָנטר-רעוואָלוציע.

נאָכן בירגער-קריג, ווען מע איז צוגעטראָטן צו אויפשטעלן דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן אין לאַנד, איז אויסגעוואַקסן די פאָדערונג פון נאָך אַן ענגערן בונד פון אַלע ראַטן-פעלקער אין אַלע פראַטים.

דעם 30 דעקאַבער 1922 יאָר, אַפן ערשטן פאַרבאַנדישן ראַטן-צוזאַמענפאָר, אין מאָסקווע, האָבן די פעלקער פון ר. ס. פ. ס. ר., אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און קאַווקאַז אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך וועגן בילדן דעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפובליקן (פ. ס. ס. ר.).

די קאָנסטיטוציע (דער גרונט-געזעץ) פונם פאַרבאַנד איז באַ-שטעטיקט געוואָרן דעם 6-טן יולי 1923 יאָר.

אין 1924 יאָר זיינען אַריין אין פאַרבאַנד נאָך 2 נייע מיטגלידער: די טורקמענישע ס. ס. ר. און די אוזבעקישע ס. ס. ר, וועלכע האָבן ביז דאַן געהערט צו די מיטל-אַזיאַטישע טיילן פון ר. ס. פ. ס. ר.

אַף אַזאַ אויפן האָט זיך אויסגעבילדעט אונזער פאַרבאַנד, וועל-כער באַשטייט איצט פון 6 זעלבשטענדיקע רעפובליקן:

1) רוסלענדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַטיווע ראַטן-רעפובליק (ר. ס. פ. ר. ר.), 2) אוקראַיִנישע סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפובליק

(או. ס. ר. ר.) 3) ווייסרוסישע סאציאליסטישע ראטן-רעפובליק (וו. ס. ר. ר.), 4) טראנסקאווקאזער פעדעראטיווע סאציאליסטישע ראטן-רעפובליק (ט. ס. פ. ר. ר.), 5) אוזבעקישע סאציאליסטישע ראטן-רעפובליק (אוזב. ס. ר. ר.) און 6) טורקמענישע סאציאליסטישע ראטן-רעפובליק (טורקם. ס. ר. ר.).

אונזער פארבאנד איז, ווי עס איז אנגעוויזן אין דער אויבן-דערמאנטער דעקלאראציע, א פרייוויליקע פאראייניקונג פון גלייכבארעכטיקטע פעלקער. יעדער פארבאנדישע רעפובליק האט רעכט פרייוויליק ארויסטרעטן פונם פארבאנד.

פ. ס. ס. ר. איז א מעכטיקער, פעסטער פארבאנד פון אלע ראטן-פעלקער אף צו בויען דעם סאציאליזם, צו באשיצן דאס סאציאליסטישע ראטן-לאנד פון אלע סאנים.

די העכסטע מאכט-ארגאנען אין פסס״ר

אונזער פארבאנד באשטייט, וואו אונז איז שוין באוואוסט, פון 6 פארבאנדישע רעפובליקן.

דער העכסטער מאכט-ארגאן פון פ. ס. ס. ר. איז דער אלפארבאנדישער ראטן-צוזאמענפאר.

אט דער צוזאמענפאר קלייבט אויס דעם צענטראלן אויספיר-קאמיטעט (צ. א. ק. פ. ס. ס. ר.)- דער צ. א. ק. איז פון איין אלפארבאנדישן צוזאמענפאר ביז צווייטן די העכסטע מאכט אין פארבאנד.

דער צ. א. ק. פון פסס״ר באטראכט די וויכטיקע פראגן פון לאנד. ער פארוואלטעט און צעטיילט אלע מיטלען, וואס דער גאנצער פארבאנד פארמאגט.

קעדיי אנצופירן מיט דער מעלוכע-ארבעט טיילט אויס דער צ״אק פון פס״סר דעם אלפארבאנדישן ראט פון פאלקס-קאמיסארן (ראטפאלקאם). דער ראטפאלקאם איז אונטערגעווארפן דעם צ״אק און זיין פרעזידיום.

דער צ. א. ק. טיילט אויס פון זיך א פרעזידיום.

מ. אי. קאַלינין

א. ג. טשערוויאַקאָוו

נ. א. פעטראָווסקי

פאַיזולאַ-כאָדזשאיעוו

א. מוסאַבעקאָוו

נ. אַיטאַקאָוו

די 6 פאָרזיצערס פונם אַלפאַרבאַנדישן צ.א.ק.

דער נאַציאָנאַליטעטן-ראַט

דער צ. א. ק. פון פ. ס. ס. ר. באַשטייט פון 2 גלייכבאַרעכטיקטע טיילן: פון אַ פאַרבאַנדישן-ראַט און אַ נאַציאָנאַליטעטן-ראַט. די פאָרשטייער אינם פאַרבאַנדישן ראַט ווערן אויסגעוויילט לויט דער צאָל אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אין יעדער רעפובליק. דאָס הייסט, וואָס גרעסער עס איז די באַפעלקערונג אין דער רעפובליק אַלץ מער פאָרשטייער האָט זי אין ראַט.



סכעמע נומ. 2. ווי אַזוי איז געבויט די ראַטנמאַכט אין פ. ס. ס. ר.

אין נאַציאָנאַליטעטן-ראַט אָבער גייען אַריין אַ גלייכע צאָל פאָר-שטייער פון אַלע פאַרבאַנדישע און נאַציאָנאַלע רעפובליקן און אווטאָנאָמע געגנטן, אומאָפהענגיק פון דער צאָל באַפעלקערונג זייערע.

די רוסישע נאַציאָנאַליטעט. לעמאָשל, וואָס באַטרעפט העכער אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד, האָט אין נאַציאָנאַליטעטן-ראַט ניט מער ווי 5 פאָרשטייער פון די 139 מיטגלידער פונם נאַצראַט.

אָט אַזאַ גלייכע פאָרשטייערשאַפט שליסט אוים די מעגלעכקייט פאַר דער גרעסערער נאַציאָנאַליטעט צו דריקן אָף די פאָרשטייער פון די קליינע פעלקערשאַפטן מיט זייערע שטימען.

דער נאַציאָנאַליטעטן-ראַט זאָרגט „פאַר די ספּעציעלע נויטן און באַדערפענישן פון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן פונם פאַרבאַנד". בײַם נאַציאָנאַליטעטן-ראַט איז פאַראַן אַ קאָמיטעט פאַר די צאָפן-פעלקער, דער קאָמיטעט פאַר איינאָרדענען האָרעפּאַשנע אידן אָף ערד („קאָם-ערד") אַ. אז. וו.

די געזעצן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום גאַנצן פאַרבאַנד ווערן באַשטעטיקט נאָר דאַן, ווען עס נעמען זיי אָן סײַ דער פאַר-באַנדישער, סײַ דער נאַציאָנאַליטעטן-ראַט.

פראַגן:

1) וועמען געהערט די העכסטע מאַכט אין פּ. ס. ס. ר.?
2) פון וועלכע צוויי טיילן באַשטייט דער צ. א. ק.?
3) צוליב וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דער נאַציאָנאַליטעטן-ראַט?
4) וואו און ווי אַזוי ווערט אויסגעקליבן דער נאַציאָנאַליטעטן-ראַט?
5) וואָס איז די אַרבעט פון נאַציאַנאַליטעטן-ראַט?
6) וואָס טוט דער „קאָמערד"?

דער כאַווער מ. אי. קאַלינין

מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין איז געבאָרן געוואָרן דעם 7 נאָיאַבר 1875 יאָר אין אַ געזינד פון אָרעמע פויערים.

אין 1889 איז ער אַריבערגעפאָרן אין לענינגראַד. דאָרטן איז ער אָנגעקומען אָף אַ זאַוואָד.

דער כ׳ קאַלינין האָט פרי אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע אַר-בעט. דערפאַר איז ער נים איינמאָל געווען אַרעסטירט און אַרויסגע-שיקט דורך דער צאַרישער רעגירונג.

אין מאַרט 1919 יאָר האָט מען דעם כ׳ קאַלינין, לויטן פאָר-שלאָג פון כ. לענין, אויסגעקליבן פאַר אַ פאָרזיצער פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט.

אין 1923 יאָר ווערט דער כ׳ קאַלינין אויסגעוויילט פאַר אַ פאָר-זיצער פון צענטראַלן אויספירקאָם פון פ.ס.ס.ר. פון דאַן אָן שטייט ער אין דער שפּיץ פון גאַנצן פאַרבאַנד סאָציאַליסטישע ראַטן-רעפּובליקן.



דער כ׳ קאַלינין נעמט אויף פּויערים

אַלע טאָג פון פרי אָן ציען זיך צום כ׳ קאַלינין באַזוכער. זיי גייען איינציקווייז און גרופּנווייז, מיט פּעקלעך הינטער די פּלייצעס, מע גייט פון אַלע עקן פון אונזער גרויסן פאַרבאַנד. מע ברענגט מיט זיך אַלערליי ביטעס און אָנקלאָגן. דער כ׳ קאַלינין נעמט צו און הערט אויס אַלעמען און קומט צו הילף די, וועלכע נויטיקן זיך און האָבן רעכט אַף הילף.

פראגן:

1) עפּשער האט זיך ווער עס איז פון אייער שטאָט אָדער פון די שכיינעשע שטעט און דערפער געווענדעט זיך וועגן אַ וועלכן עס איז איניען צום כ׳ קאַלינין? דערציילט וועגן דעם.

וואָס טוט די ראַטנמאַכט פאַר די אָפּגעשטאַנענע פעלקער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון פס"סר?

אַלע פעלקער פון פס"סר זיינען, ווי באַוואוסט, גלייכבאַרעכטיקט. זיי באַניצן זיך אַלע בא אונז מיט דיזעלבע רעכט פון פרייער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. נית אַלע פעלקער קאָנען אָבער אַלציינס באַנוצן זיך מיט די רעכט און געניסן פון זיי. פון צאַרישן רעזשים איז אונז געבליבן בעירושע אַ גרויסע צאָל פעלקערשאַפטן אַ ריי געגנטן, אָפּגעשטאַנענע און נית אַנטוויקלטע. זייער לאַגע איז אַ באַזונדערס שווערע.

די ראַטנמאַכט נעמט דעריבער אָן אַלע מיטלען אַף צו העלפן די שוואַכערע, די מער אָפּגעשטאַנענע פעלקער אויפצוהויבן זיך, פאַרפעסטיקן זיך און צו דעריאָגן עקאָנאָמיש און קולטורעל די גרעסערע פעלקער אינם פאַרבאַנד.

די ראַטנמאַכט בויט, אינדוסטריאַליזירט, עלעקטריפיצירט די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן, הויבט אויף די ווירטשאַפט און קולטור פון די פעלקער, וואָס וואוינען דאָרט, און ציט זיי אַריין איז דער סאָציאַליסטישער בויאונג און שאַפונג. (זי באַוואסערט מידבאַריעס, טריקנט אויס בלאָטעס, בויט פאַבריקן און זאַוואָדן א. א. וו.).

די ראַטנמאַכט זאָרגט נית נאָר פאַר די פעלקערשאַפטן, וואָס האָבן זייערע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן. זי זאָרגט אויך פאַר די נאַציעס און פעלקער, וועלכע וואוינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און בילדן אַ מינדערהייט בענויגייע דער אָרטיקער באַפעלקערונג (די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן).

זי דאַיגעט דערפאַר, אַז יעדער פאָלק, וואו עס זאָל זיך נית געפינען זאָל שאַפן זיין קולטור, זיך דערציען אַף זיין מוטער-שפּראַך.

די ראַטנמאַכט טוט אַלץ, קעדיי אויפצולעבן די ווירטשאַפט פון דידאָזיקע קליינע פעלקער, איבערבויען זייער עקאָנאָמיק און קולטור. זי בויט פאַבריקן, באַזעצט אַף ערד, עפנט שולן, טעאַטערס, גיט אַרויס ביכער אַף זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן א. א. וו.

אָט איז, לעמאָשל, אין קורצן, דאָס, וואָס די ראַטנמאַכט טוט אויף פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט.

אונזער ראטן-מעלוכע האט געגעבן דער אידישער הארעפּאשנער באפעלקערונג די ברייטסטע מעגלעכקייטן פון קולטורעלער אנטוויקלונג. פסס"ר האט אנגעהויבן און פירט דורך מיט א פעסטער האנט די ארבעט פון עקאנאמישן געזונט מאכן, פּראדוקטיוויזירן די אידישע באפעלקערונג. פסס"ר האט אנגעהויבן און פירט דורך די גראנדיעזע היסטארישע ארבעט פון אידישער ערדאיינארדענונג אין קרים, אוקראינע, ווייסרוסלאנד און איצט אין בירא-בידזשאן. פסס"ר האט אנגעהויבן און פירט דורך די קאלאסאל-וויכטיקע ארבעט ארייננציען די אידישע ארבעטנדיקע אין דער אינדוסטריע, אין די פאבריקן און זאוואדן.

אין פסס"ר איז די אידישע הארעפּאשנע באפעלקערונג נים אפן ווארט, נאר טאקע פאקטיש ארייננגעצויגן אין אקטיווער מעלוכישער בויאונג. עס זיינען ארגאניזירט געווארן הונדערטער אידישע ראטן, עס זיינען פאראן אידישע געריכט-קאמערן, מיליציע-באצירקן און אז. וו. און אז. וו. אין פסס"ר איז שוין אויסגעבויט געווארן א גראנדיעזע נעץ קולטור-אנשטאלטן פאר דער אידישער באפעלקערונג.

אין פסס"ר איז די שפּראך פון די אידישע פאלקס-מאסן פול-שטענדיק גלייכבארעכטיקט.

עס שטייט, עמעס, נאך פאר זייער אסאך אויפצוטאן, קעדיי אינגאנצן איבערבויען און געזונטמאכן דאס פילדווירעסדיקע אידישע האנדל-וואנדל-לעבן.

די ראטנמאכט האט באשטימט און געגעבן אן אויפגאבע דעם „קאמערד" באזעצן אף ערד אין די נאענטסטע יארן 100 טויזנט אידישע פאמיליעס. אפן „קאמערד" איז אויך ארויפגעלייגט געווארן די היסכאיוועס אנצופירן מיט דער ארבעט אף ארייננציען אידישע הארעפּאשניקעס אין דער לייכטער און שווערער אינדוסטריע. די ראטנמאכט נעמט אן א ריי קאנקרעטע מיטלען, קעדיי ווירטשאפטלעך איינארדענען די שטעטלעך, וואו עס וואוינען אין קאמפּאקטע מאסן די אידישע ארבעטנדיקע און ארייננציען זיי אין דער אלגעמיין-מעלוכישער סאציאליסטישער בויאונג.

פראגן:

1) וואס האט געטאן די ראטן-מאכט פאר די נאציאנאלע מינדערהייטן?

2) וואס טוט זי פאר דעם הארעפּאשנעם טייל פון דער אידישער באפעלקערונג אף אויסבעסערן איר עקאנאמישע און קולטורעלע לאגע?

דער ערשטער אידישער ראַיאָן

דער 22-טער מאַרט 1927-טן יאָר איז אַ היסטאָרישע דאַטע אינם לעבן פון די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אין דעם טאָג איז געעפנט געוואָרן דער ערשטער אידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אין פ.ס.ס.ר.

באַזונדערע אידישע נאַציאָנאַלע דאָרפס-ראַטן, שטעטלדיקע ראַטן האָבן מיר אויך פריער פאַרמאָגט, קיין גאַנצן אידישן ראַיאָן — נאָך ניט.

דער ערשטער אידישער ראַיאָן געפינט זיך אין אוקראַינע, כער-סאָנער קרייז בײַ די ברעגן פון די טײַכן דניעפּר און אינגולעץ.

די עפענונג פון ערשטן אידישן ראַיאָן אין קאַלינינדאָרף

דער אידישער ראַיאָן נעמט אַרום אַ טעריטאָריע (ערדשעטעך) פון 54.200 דיעסיאַטין.

דער ראַיאָן פאַרייניקט 7 דאָרפסראַטן, 6 אידישע און איין או-קראַינישן.

דידאזיקע דארפסראטן האבן פריער געהערט צו צוויי פארשיידענע ראיאנען. די גאנצע ארבעט האט זיך אין די ראיאנע-ראטן געפירט אין אוקראיניש.

איצט זיינען די אלע ראטן פארייניקט אין איין ראיאן. די ארבעט ווערט דא געפירט הויפטזאכלעך אין אידיש און אויך אין אוקראיניש, אף וויפל עס ווערט באדינט אויך די אוקראינישע באפעלקערונג.

דער אידישער ראיאן באשטייט פון 41 אישואווים מיט א באפעלקערונג פון 14820 מאן. פון זיי אידן — 12240 מאן. העכער א העלפט פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען נייע איבערוואנדערער. די ראטנמאכט האט זיי דא באזעצט אף ערד פאר די לעצטע 3—4 יאר, די איבעריקע טייל אידישע באפעלקערונג זיינען אלטע קאלאניסטן, וואס וואוינען שוין דארטן העכער הונדערט יאר.

דער ראיאנער צענטער געפינט זיך אין קאלינינדארף (געוועזענע גרוים סיידע-מענוכע), אין דער עלטסטער און גרעסטער אידישער קאלאניע.

דאס אויסבילדן דעם ערשטן נאציאנאלן ראיאן איז אן סאפעק א וויכטיקע געשעעניש. דאס איז די ערשטע אין דער וועלט גרויסע אדמיניסטראטיווע אידישע פארייניקונג. דאס איז נאך א איבעריקער באוויז צו דער ריכטיקער נאציאנאלער פאליטיק, וואס די ראטן-מאכט פירט דורך. נאר בא דער ראטן ארדענונג איז מעגלעך דאס, וואס קיין „דעמאקראטיש" לאנד קאן ניט האבן — נאציאנאלע ראטן און ראיאנען פאר די נאצ.-מינדערהייטן, און אויך פאר די אידישע ארבעטנדיקע מאסן.

פראגן:

1) צי זיינען פאראן אידישע ראיאנען (אדער אנדערע אדמיניסטראטיווע צענטרען) אין די קאפיטאליסטישע לענדער, וואו סילעבן אסאך אידן (אין אמעריקע, אין פוילן, רומעניע א. א. וו.)?

2) פארוואס אין דארטן ניטא קיין אידישער ראיאן?

3) צי איז עס מעגלעך געווען בא דער צארישער רעגירונג?

כ׳ פּעטראָווסקיס באַגריסונג

„איך בעט אייך איבערגעבן אַ פּראָלעטאַרישן ברודערלעכן גרוס די אַרבעטנדיקע מאַסן פונם ערשטן אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אָ. ס. ס. ר.

„מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן אַ טייל פון אייך, געפּלאָגטע און געיאָגטע דורכן צאַרישן רעזשים, געגרינדעט די אַלטע אידישע קאָלאָניעס. זיי האָבן געמיינט צו געפינען פאַר זיך אַ „סיידע-מענוכע“, אַן אַפּרו-פעלד. אָף די ברייטע פרייע דאָרעם-סטעפּעס האָבן זיי געהאָפט צו געפינען אַן אָרט פאַר פרידלעכער מי און קולטורעלער-אַנטוויקלונג. זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טאָעס געהאַט. דער צאַריש-פּריצישער רעזשים, די אומגעהערטע נאַציאָנאַלע רעדיפעס האָבן זיי אויך דאָרט ניט געלאָזט קומען צו זיך.

„אָבער די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, וועלכע האָט געבראַכט פריייהייט אַלע אונטערדריקטע, האָט אויך אייך ענדגילטיק באַפרייט פון יעדער דרוק. זי האָט געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַ נאָרמאַלער און געזונטער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אנטוויקלונג.

„די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט אויך געשטעלט אין טאָג-סיידער די פראַגע וועגן צוציען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט די צערואינירטע אידישע אַרבעטנדיקע פון די שטעט און שטעטלעך. די ראַטן-מאַכט, אין העסקעם מיט דער לענינשער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט צו אייך אין די סטעפּעס געשיקט נאָך טויזנטער צערואינירטע, דאָרשטיקע נאָך אַרבעט, אידישע איבערוואַנדערער. עס איז אָף אַזאַ אויפן באַשאַפן געוואָרן די מעגלעכקייט צו גרינדן דעם אידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן.

„פאַר אייך שטייט איצט אַ וויכטיקע און ערנסטע אויפגאַבע צוציען די ברייטסטע שיכטן אַרבעטנדיקע פון אייער ראַיאָן צום אַקטיוון אַנטייל אין אונזער ראַטנבויאונג און באַהעפטן זיי צו אונזער סאָציאַליסטישער בויאונג. אילוסטרירט מיט אייער טעטיקייט אַן איבעריקס מאָל די ריכטיקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק!

„דערלויבט זשע מיר באַגריסן אייך און ווינשן דערפאָלג אין אייער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

פּאָרזיצער פון וואוציק ג. פּעטראָווסקי

ווירטשאַפטלעכע איינאָרדענונג פונם שטעטל

מיט פאַרשיידענע מיטלען און וועגן גייט די ראַטנמאַכט צו צום געזונטער מאכן און באַנייען דאָס אידישע לעבן. זי באַזעצט צענדליקער טויזנטער אידן אַף ערד, זי ציט אריין טויזנטער אידן אין דער גרויסער און לייכטער אינדוסטריע. זי באַנוגנט זיך אָבער נית דערמיט.

נית אַלע אידן קאָנען און ווילן זיך אויפהויבן פון זייער אַלטגעזעסענע וואוינונגס-ערטער, און נית מיר קאָנען זיי אַלעמען אריבערפירן אַף ערד אָדער אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרן.

און דעריבער נעמט די ראַטנמאַכט אָן פאַרשיידענע מאָסמיטלען ווירטשאַפטלעך איבערצובויען און אויפריכטן דאָס שטעטל, וואו עס וואוינט נאָך ביז היינט, דאָסראָוו פון דער אידישער באַפעלקערונג.

מיט דעמדאָזיקן ציל האָט, לעמאָשל, דער ראַטפאַלקאָם פון ווייסרוסלאַנד נאָך דעם 4-טן נאָיאַבר 1927 יאָר ארויסגעטראָגן א ריי וויכטיקע באשלוסן וועגן געזונטער מאכן דאָס שטעטל.

אין דער באַשטימונג ווערט אָנגעוויזן אַ ריי פראַקטישע, קאָנקרעטע מאָסמיטלען. צו זיי געהערן 1) די אַגראַרע איינאָרדענונג פון די שטעטלעך (סעדעריי, גערטנעריי, מילך-ווירטשאַפט א. א. וו.), 2) דאָס אָרגאַניזירן פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, 3) פאַרפעסטיקן די קוסטאַר-געווערב-קאָאָפעראַציע. 4) באַזאָרגן דאָס שטעטל מיט געהילץ-מאַטעריאַלן, קרעדיטן א. א. וו.

דידאָזיקע באַשטימונג ווערט שוין פראַקטיש דורכגעפירט אין לעבן. פאַראַיאָרן איז געפירט געוואָרן אָן אַרבעט אין 9 שטעטלעך, און אַף האַיאָר זיינען אָנגעמערקט 16. עס ווערט איצט אויך אויסגעאַרבעט אַ פינפיאָריקער פלאַן, אין וועלכן ס'איז פאָרויסגעזעען די איינאָרדענונג פון די שטעטלעך.

ענלעכעס האָט אויך באַשלאָסן דעם 16-טן מאַרט 1928 יאָר דער ראַטפאַלקאָם פון אוקראַינע בענויגייע אַ ריי שטעט און שטעטלעך. ער האָט פאַרגעלייגט די צענטראַלע אָרגאַנען (פאָלקאָמערד, פאָלקאָמבילד, פאָלקאָמגעזונט, קאָמיטעט צו באַקעמפן די אַרבעטסלאָזיקייט א. א. וו.), און די קרייז-אויספירקאָמען א ריי פראַקטישע מאָסמיטלען, ווי אזוי צו פּראָדוקטיוויזירן דאָס לעבן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך.

א. פעפער

פון יענער זייט שטעטל

פון יענער זייט שטעטל ליגן לעדערנע פאַבריקן,
דאָרט אַרבעטן מענטשן געלע און פעסטע, ווי פעל,
ליגן פאַבריקן פון יענער זייט שטעטל, ווי בריקן
צווישן שטעטל און פעלד.

פון יענער זייט שטעטל זיינען מענטשן האַרטער און העכער —
אלע וואָך אַ פאַרזאַמלונג און א זיצונג אַלע וואָך.
קאַפּען זילבערנע שטערנדלעך פון הויכע, פון פינצטערע דעכער
און באַלויכטן די קעפּ און דעם שטויביקן מאָך.

פון יענער זייט שטעטל איז פריש. דאָרט אָטעמט מיט אייזן,
דאָרט אָטעמט מיט שטאָל און מיט שיין און מיט פעל.
פונדאָרט גייט אַ פעלענע פרישקייט אַף יעטווידער הייזל
פון שטעטל און פעלד.

מוישע טייטש

אין אידישן געריכט

— וואו געפינט זיך דאָ בא אייך דער אידישער געריכט? — האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, גייענדיק איבער דער סאָוועטישער גאַס אין מינסק, בא אַ „אידן פון א גאַנץ יאָר“.

— דער אידישער סוד?

ווער ווייס דאָס ניט, וואו עס געפינט זיך דער אידישער סוד? מיסטאָמע זענט איר ניט קיין היגער.

דעם אידישן סוד האָט מיר שוין געקאָנט אַנווייזן קינד און קייט, און איך בין געגאַנגען מיט זיכערע טריט, ביז איך האָב אים אַליין דערקענט נאָך פון דערווייטן—לויט דער גרויסער צאָל מענטשן ארום אים.

דורכשפּאַרן זיך אין געריכט גופא איז מיר אָנגעקומען ניט גרינג.

נאָך איידער דער געריכט גייט אַריין, הער איך, עס ריידן עטלעכע ווייבער צווישן זיך:



אין אידישן געריכט

— איצטער, ווייסט איר דאָך, וויל דער אַרבעטער אַליין לעבן...

איך הער זיך צו ווייטער, עס האנדלט זיך וועגן איינעם אן אַרבעטער, וואָס וויל ניט שטיצן זיין אָרעמע שוועסטער, און זי האָט אָף אים דערפאַר אָנגעגעבן אין געריכט. די שמועסן צווישן אוילעם, איידער עס גייט אַריין דער געריכט, קאָן מען צוגלייכן צום אָנשטעלן די אינסטרומענטן איידער עס הויבט זיך אָן די שפּיל. איך זע, אַז דער אוילעם „סטראָיעט" זיך אָן. קיינער, פאַרשטיי איך, וועט דאָ ניט זיצן גלאַט אַזוי, ווי אַ פּאַשעטער צושויער.

דער אוילעם זיצט דאָ ניט אַלס גאַסט, נאָר אַלס מיטריכטער.

דאָס, וואָס מע פרעגט ניט בײַ אים, איז ניט וויכטיק. ער זאָגט אליין.. אויב ער קאָן עס ניט זאָגן דעם געריכט, זאָגט ער עס זיינע באַקאַנטע (אָדער מעג אַפילע זיין אומבאַקאַנטע), וואָס זיצן דערביי—אַבי ער איז טעטיק...

דער וויסרוסלענדישער פאַרבאַנד פון דער געווערב-קאָאָפּעראַציע האָט אפּגעגעבן אין אַרענדע אַ אידישן גערטנער אַ סאַד פון הונדערט בוימער—אַף 6 יאָר.

דער אַרענדאַטאָר האָט זיך אונטערגענומען צו צאָלן קאָך-וועקאָך אַרענדע (צאָלט ער) און ארומצאַמען דעם סאַד מיט אַ פּאַרקאַן—האָט ער ניט אומעטום ארומגעצאַמט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן, נאָר אין אייניקע ערטער האָט ער געמאַכט פון דראָט. וויל דער פאַרבאַנד צעריסן דעם אָפּמאַך.

אין מעשעך פון פּראָצעס ווערט קלאָר, אַז דער פאַרבאַנד וויל צונעמען דעם גאָרטן פאַר אַ קינדערשן שפּיל-פּלאַץ... דאָס וואַרפט אַביסל אַן אַנדער ליכט אַף דער גאַנצער זאַך: פון איין זייט איז דער גערטנער מיסטאָמע טאַקע גאָט די נעשאָמע שולדיק, אויסער וואָס ער וויל האָבן אַרבעט און פּאַרנאָסע, אָבער פון דער צווייטער זייט איז אַ קינדער-פּלאַץ אַ וויכטיקער איניען.

וואו זשע נעמט מען דעם שלוימע-האַמוילעך, וואָס זאָל דאָ קאָנען פּאַסקענען אַזוי, אַז ביידע צדאָדים זאָלן בלייבן ניט קיין געליטענע? דער אוילעם, זע איך, איז שטאַרק אָנגעשטרענגט.

דער גערטנער איז דערווייל אינגאַנצן געקומען צו זיך, ער האָט זיך שוין פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין געריכט, — אַלנפאַלס האָט דער מאָמענט שוין אַף אים ניט געווירקט. ער האָט זיך העפּטיק אַ נעם געטאָן אויסטאַינען זיך, און טאַקע מיט די הענט:

— איר דאַרפט וויסן זיין, אַז איך בין געווען אַרבעטסלאָז. קוים וואָס איך האָב זיך דערשלאָגן צום גאָרטן. איך באַמיסטיק אים אי פונדרויסן אי פון אינעווייניק און דער קאַמצאַז האָט זיך פריער קיינמאָל ניט געטשעפּעט. איצט איז וועסנע. איך האָב שוין אַלץ מיטאַנאַנדער דורכגעמאַכט: ארומגעשניטן, ארומגעגראָבן, באַמיסטיקט—אַזויפיל שוויים, אַזויפיל בלוט... ווילן זיי דאָס איצטער צונעמען. וואָס זאָגט איר, אַ?

דער ריכטער וויל קלאר מאכן, צי וועט דער גערטנער מאסקים זיין אפצוגעבן פארן שפיל-פלאץ א געוויסן טייל פונם גארטן, בעערעך א 40 בוימער—קעגן א באלוינונג.

— וואס הייסט?—איז שוין דער גערטנער אינגאנצן אריין אין זיין ראל. ער רעדט שוין גארניט צום ריכטער, נאר צום גאנצן זאל: אדעראבע, זאלן טאקע אלע הערן און וויסן: 40 בוימער זיינען דאך דער איקער פונם גאנצן גארטן. א גרויסן דאנק אייך. נו, און מיינע קוי-כעם?

— רעדט צום געריכט, — מאכט אים א באמערקונג דער ריכטער.

— איך רייד צום געריכט אויך — זאגט דער גערטנער.

ווי אזוי איז ארויס פון דער לאגע דער ריכטער? גלענצנדיק! ער האט פארגעלייגט א פשארע. ער האט צוליב דעם אפגעלייגט דעם מישפעט אף א פאר טעג, די צדאדים זאלן זיך קאנען צונויפריידן: אז אי דער גערטנער זאל נית דארפן ליידן, אי די קינדער זאלן האבן א שפיל-פלאץ.

— גוט! אויסגעצייכנט! — איז צופרידן געווען דער עולעם: יעדערער פון זיי וואלט אייך פונקט אזוי געפאסקנט... פונקט אזוי.. ווען ער וואלט נאר געפאלן אפן פלאן...

עס שטעלט זיך פארן געריכט איינער, וואס איך ווייס ניט, ווי אזוי אים אנצורופן—ער ווייסט אליין ניט.

ער האט עפעס א לאדעניש מיט דער ווייב, מיט וועלכער ער האט שוין אפגעלעבט א יאר 25 און האט שוין מיט איר אויסגעגע-בענע קינדער. הויבט ער אן צו דערציילן זיין געשיכטע פון דעם יאר, ווען ער איז געווארן א כאסן. דער ריכטער רייסט אים איבער, קעדיי פעסטצושטעלן קוידעמקאל ווער ער איז.

— א קירזשנער?

— א קירזשנער.

— א קומטאר?

— איך בין נית קיין קומטאר און נית קיין ארבעטער. איך האב אפילע נית קיין מאשין. פאסקנט אדעראבא אליין, וואס איך בין. איר זענט דאך עפעס א ריכטער!

זייער אַן אַלטע אידענע האָט דערלאַנגט אין גערייכט אַף אַן אויסגעגעבענער טאָכטער, וואָס וויל זי ניט אויסהאַלטן און טרייבט זי פון שטוב.

— זי שיקט מיך צו די פּלימעניצעס, צו די פּלימעניצעס...

אין זאַל ווערט אַ שטיקל טומל, דער עולם איז אויפגערעגט, מע שושקעט זיך: אַזאַ מאַרשאַאַס אַ טאָכטער... דער זאַל איז אינגאַנצן אַפן צאַד פון דער אַלטיטשקער. און פּלוצלינג פון עולם אַפן קאָל:

— פאַטער נו, איך קאָן אויך זאָגן אײדעס... פאַרוואָס ניט?

— שטילער,—באַרואיקט דער ריכטער,—איך וועל הייסן ארויספירן פון זאַל.

אָבער דער זאַל איז צופיל אַריינגעטאָן אין דער אַוולע, וואָס די טאָכטער באַגייט קעגן דער אַלטער מוטער. איינער שרייט ארויס צום גערייכט:

— דער מאַן אירער (דער טאָכטערס) האָט אַן אייגענעם פערד, ער פאַרדינט.

— ווער פרעגט באַ אייך? — פרעגט דער ריכטער,—איר זענט אַן אײדעס?

— ניין, איך בין ניט קיין אײדעס. אָבער איך ווייס, אַז מע דאַרף דאָס וויסן.

די טאָכטער לייקנט שטיין און ביין: ווייס איך וואָס, זי האַלט די מאַמע זייער ערלעך, מער ניט וואָס זי שטימט ניט מיט די קינדער. די באָבע פרעגט באַם אייניקל, וויפיל איז טויזנט פערטעלעד האָט דאָס אייניקל געזאָגט אַזויפיל, זאָגט זי אַזויפיל, האָבן זיי זי צעקריגט, און אַז זי צעקריגט זיך, גייט זי אַוועק.

— פאַר דעם כעשבן פון די פערטעלעך?

— נו, יאָ, וואָס זשע דען האָט איר געמיינט?

„וויל פאַרדרייען אַ קאָפּ“ — זאָגט עמעצער אין זאַל צו זיך אַליין שוין אינגאַנצן שטיל, אָבער אַזוי, אַז אַלע הערן... עס איז מער ווי קלאָר, אַז דער זאַל איז אַפן צאַד פון דער אַלטיטשקער. האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער אַדוואָקאַט ריכטיקער די אַדוואָקאַטיכע — אומזיסטע הילף פון! דער יורידישער קאָנסולטאַציע) און געזאָגט, אַז די אַלימענטן, וואָס זי, די אַלטיטשקע, פאָדערט, איז דאָך אַ פּאַיאָק ניט

אף לעבן, נאר אף טויט. ווארום ווי לאנג וועט זי איננאנצן לעבן. דא האט זיך אין זאל צעהודזשעט א ווייבערשע שעפטעניש;

— אוי. ווי מיר ניט געשעען...

און אסאך נאזטיכלעך האבן זיך א הויב געטאן צו די אויגן. איך האב שוין פארשפארט צו ווארטן אפן פסאק-דין. איך האב שוין געזעבן אפן אוילעם, אז די טאכטער וועט שוין מנרצעשעם מויכל זיין צאלן...

און דא האב איך דערפילט, וואס עס הייסט א געריכט אף דער מוטער-שפראך.

די מוטער-שפראך איז דא אין אידישן געריכט א גרויסע באקוועמלעכקייט ניט נאר פאר די געמישפטע, נאר אויך ניט קיין קלענערע פארגרינגערונג פארן ריכטער. פאר אים ווערן די געשעענישן אנטפלעקט אין זייער פולער שטייגערישער ארומרינגלונג, ער דערזעט זיי אף דורך און דורך, ווי ער וואלט אליין בא זיי בייגעווען...

דא זיינען קיין פעלערן באם ריכטער אזוי ווי ניט מעגלעך.

יא, דער אידישער געריכט איז נאך איינער פון די „פראסטע וואונדער" פון דער אקטיאבער-רעוואלוציע.

מוישע טײַטש

מיט דער אידישער מיליציע אין קאלינינדארפער ראיאן

וואס מאכט אף א מענטשן, פון דער פרעמד אן אגגעקומענעם, דעם גרעסטן אויסערלעכן עפעקט אין אידישן ראיאן? — די אידישע מיליציע. אידישע מיליציאנערן, וואס ארבעטן אין אלגעמיינעם אפאראט, קאנט איר טרעפן אין אסאך ערטער, אבער אן אידישע מיליציע, אלס א סיסטעם, וואס ניט נאר זי באשטייט פון אידן, נאר זי פירט אויך איר ארבעט און איר בוכפירונג אף אידיש, דאס האט איר נאר אין אידישן ראיאן.

איך האב זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט, וואס דער שעה

פון דער מיליציע איז געפאָרן אין ראַיאָן און איך האָב זיך צוגעזעצט צו׳אים אין דער טאַטשאַנקע אַריין.

ער איז נאָך גאָר א יונגער מענטש, דער שעף, און אַזויפיל האָט ער שוין דורכגעמאַכט, איבערהויפט אָף די פראָנטן.

— און איצט אַרבעט איך דאָ — זאָגט דער שעף פון דער אידי-שער מיליציע אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן.

אָבער דאָ דערזעט ער, עס גייט מיטן וועג א אידישער קאָלאָ-ניסט. שלאָגט ער זיך אַליין איבער, און ער שטעלט אָפ די פערד:

— וואוהין גייט איר כאַווער?

— אין „שאָלעם-אַלייכעם“.

— זעצט אייך אַריין.

און מיר פאָרן ווייטער אין דרייען.

דער נייער פאַסאַזשיר אונזערער איז אַן איבערוואַנדערער פון
19 יאָר. ער האָט זיך נאָך ניט פאַרפעסטיקט ווי געהעריק אין דער
־טשאַפט. ער הויבט זיך אָן צו באַקלאָגן אָף דעם, אַז די ארומיקע
יערים דערלויבן זיך אַזעלכע זאַכן, ווי פאַשען בא דער נאַכט די
ערד זייערע אָף דער אידישער פאַשע.

איך זע, אַז דער מיליציע-שעף געמט עס אריין גוט אין קאָפ
יר גייט איבער צו אַנדערע פראַגן: וואָס האָבן זיי שוין פאַרזייט
יז נאָך געבליבן צו זייען און צי מע האָט זיי אַריינגעשיקט

עם-אַלייכעם“ שטעלט זיך אָפ דער „כאַווער נאַטשאַלניק
מיליציאָנער“. אין „שאָלעם-אַלייכעם“ איז פאַראַן א
מיליציאָנער — פון די איבערוואַנדערער. מע רופט זיך אָפ,
א שמועס אַן אַלגעמיינעם. אָבער דער „כאַווער נאַטשאַל-
ך אויך אַ פריוואַטן שמועס מיטן „כאַווער מיליציאָנער“,
פיר אויגן, און מיר פאָרן ווייטער — קיין לוואָווע.

אין לוואָווע (אָפן דנעפּר, דער דאָרעמדיקער עק פון אידישן
אָן) האָט דער מיליציע-שעף געלייענט פאַר די דאָרף-אויספילער אַ
אַריכט וועגן רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט בכלל און וועגן
ייערע רעכטן און פליכטן בפרט. מע האָט אים פאַרוואָרפן מיט
־אַגן. די אידישע קאָלאָניסטן, האָב איך געזען, קלייבן זיך גאָר גוט

פֿאַנאַנדער אין די סאָוועטישע געזעצן, איבערהויפּט אין די ערד-געזעצן.

און אַז מיר זיינען אַף מאָרגן געפֿאָרן צוריק דורך „שאָלעם-אליי-כעם", האָט אונז דער אידישער מיליציאָנער באַגעגנט מיט דער בּשורע:

— זעקס פּראָטאָקאָלן געמאַכט.

און מיר דערוויסן זיך: 3 אזייגער בּא דער נאַכט איז ער ארויסגע-פֿאָרן, רייטנדיק אַף א פּערד, אין סטעפּ, און ער האָט געפּאַקט: זעקס פּויערים פּאַשען זייערע פּערד אַף די „קאַזיאָנע-לאַנקעס" (אַזוי רופֿן זיי אַן די אידישע ערדן). מע האָט זיי אַלע זעקס פֿאַרנומען און געמאַכט זעקס פּראָטאָקאָלן. ער האָט זיי אָפּגעפֿירט פֿאַר 4—3 וויאָרסט אין נאָענטן דאָרפֿס-ראַט און דאָרט האָט ער אָנגעשריבּן די פּראָטאָקאָלן.

— זיי האָבּן זיך ניט געפֿוילט צו גיין?—האָב איך געפֿרעגט.

— זיי האָבּן זיך געפֿוילט, זיי האָבּן זיך אבּיסל געלאָזט בּעטן. אָבּי זיי האָבּן קיין בּרירע ניט געהאַט. איצט וועט מען זיי בּאַשטראָ וועט דאָס זיי אינגאַנצן אָפּשלאָגן דעם כּיישעק צו די אידישע פּאַש איידער דער ראַיאָן האָט זיך אָרגאַניזירט, איז דאָס געווען א טאָג טעגלעכע דערשיינונג. איצט ווערט עס אויסגעלעבּט.

און אַז מיר זיינען דורכגעפֿאָרן נאָך א דאָרף, אַן אוקראַיִנ וואָס געפֿינט זיך אַף דער טעריטאָריע פֿון אידישן ראַיאָן, הא שעף פּלוצלונג אָפּגעשטעלט די פּערד און האָט צוגערופֿן י נעם אַן אוקראַיִנישן פּויער:

— כאַווער גיל. מע דאַרף קומען אין קאַלינינדאָרף

שטראָף.

וואָס איז דאָס פֿאַר א שטראָף? ער האָט בּאַליידיקנ ריכט-אויספֿילער, ווען יענער איז געקומען אָפּשרייבּן זיין פֿאַר ניט אריינטראָגן דעם ערד-שטייער, וואָס האָט זיך אויסג דעם ערד-שטייער האָט ער בּאַצאָלט, און פֿאַר דער בּאַליידיקונג ער „אָפּזיצן זיבּן מעסלעס".

— כאַווער נאַטשאַלניק, איך האָב נאָך ניט געענדיקט די פֿעלד אַרבּעט.

— וויפֿל וועט עס נאָך בּא דיר געדויערן?

— דריי טעג.

— נו גוט, אין דריי טעג ארום וואַרטן מיר אויף דיר.

און זיכער איז דער שיף, אַז דער פּויער וועט האַלטן וואָרט און אַליין קומען „אָפּזיצן". די אידישע מיליציע האָט אַ גרויסן אויטאָרי־טעט אין ראיאָן און אירע באַפעלן ווערן שטרענג אויסגעפּילט.

ג י נ אַ מ ע ד ע ם

איבערוואַנדערער

טיף אין פּערטן קלאַס פון דער עגיפּטישער שיף, אין דעם עמיגראַנטישן שיף־דעק האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אַ גרופּע אידישע וואַנדערער. צווישן זיי איינער אַן אַלטער באַקאַנטער, אַ לאַנדסמאַן פון פּוילישן שטעטל, אַ קליין דאַר אידל מיט אַ שיטער בערדל.

קוקנדיק אויף אים האָב איך געטראַכט:

— אונטער שטאָלצע געזאַנגען ביסטו געפאָרן אַהין, אין דעם אַלטן פּאַלעסטינע־לאַנד, און צוזאַמען מיט דיר זיינען געפאָרן טויזנטער אַנ־דערע, גרייט צו אַקערן, צו זייען, צו שניידן, צו באַגיסן, צו אַרבעטן אונטער ענגלאַנדס פאָן. ביסטו געפאָרן, מיט דעם צוזאָג פון אירע דיפּ־לאָמאַטן, מיט דער בראַכע פון די אייביקע אומגעבעטענע פּאַרזאָרגער פון אידישן פאָלק, פון ראַדאָם, פון קעלץ, פון אָטוואָצק, פון לובאַרטאָוו, מיט דער פּערענע און דעם טשאַיניק, מיט דער גרייט־קייט צו ליידן, ווי דו האָסט געליטן אין די שטעט, נאָר מיט דער האָפענונג אויף בעסער...

איז דאָ, אויף דעם אָרעמען בעטל, דרייסיק פוס טיף אין וואַסער, אונטער דער גליענדיקער זון פון אַלעקסאַנדריע, באַגעגענען מיר זיך ווידער, לאַנדסמאַן, דו פאָרסט צוריק אין פּוילן, צוריק אַן אַנטוישטער, אַ צעבראָכענער.

און טראַכטסט ווידער וועגן דעם קלייטל אין אָטוואָצק, קעלץ און ראַדאָם.

אָדער וועגן צושטעלן קוילן דעם סויכער אויף ווינטער.

אָדער גיין איבער דערפער און אופקויפן גענז און הינער פאַר אידן אויף שאַבעס.

אדער זיצן אף דער סטאַנציע און בייטן דאָלאַרן אף פוילישע זלאָטעס.

זאָל איך דיר דערציילן פון אנדערע לענדער, פון אַנדערע שטעט? פון אן אַנדער לעבן?

אין בוקאָווינע זיצן אידן אין אַ הייסן טאָג און ציטערן פון שרעק און פון נויט.

דיינע טשערנאָוויטשער פריינט האָבן שוין ניט קיין טרערן אין די אויגן—זיי זיינען פוסט. בעסאַראַביע איז צעשניטן פון בלוטיקע וואונדן, אונטער דעם רומענישן קנוט. אין די גאַליציאַנער שטעטלעך שוויגט מען, שוין אַלץ אָפגערעדט. ניטאָ וואָס צו טאָן, ניטאָ וואו צו פאָרן. קיטעווער אידן קלייבן זיך צונויף, צו ברענגען צוריק זייערע לאַנדסלייט פון בייפע.

האָסט אזויפיל נעכט ניט געשלאָפן! וואַרט, דו וועסט שלאָפן, עס וועט זיך ווייזן אַ כאָלעם, די גרויסע סימפאָניע פון ברוינער ערד, פון אידישער ארבעט, פון נייער האָפענונג, פון נייעם קאַמף. טראַכט זיך אריין אין כאָלעם, גיב מיר דיין האַנט, איך וויל דיר פירן אינם אַרבעטערס לאַנד.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אין דער קאָלאָניע „פרייהייט" אין אַדעסער ראַיאָן, וואו עס האָבן זיך צונויפגעקליבן בּאַ דריי הונדערט קליינשטעטלדיקע אידן, האָב איך געזען אַ ניי לעבן. אַזוי פאַרשיידן, אַזוי רייך אין אינהאַלט, אַזוי ערנסט און שיין, אז אַלע קינדערשע כאָלוימעס האָבן דערוואַכט און היטן דעם כאָלעם דעם איינציקן.

מע האָט אַנגעהויבן מיט דער זעמליאַנקע.

הינטער זיך פּאָגראָמען, כורבן, הונגער, מילכאָמע. — פאַר זיך די שרעק און פוסטקייט פון וויטן סטעפּ.

דער אידישער עלטער און די מוירע פאַר אַרבעט. די פרעמדע ערד.

די שטיינערנע שול־הויפן און דאָס קרעמל—דער אַרשין און די קוואָרט.

דער סוינע—דער פויער, און דער רוסישער ווינטער.

די ווייבער און די קינדער. דאָס געוויין פאַר ברויט.

באַנדיטיזם און פעטליורע—די קאַשמאַרן באַנאַכט און דער ווילן צום לעבן!

די אַקשאַנעס פון קאַמף.

מע האָט זיך געמוטשעט, זיך געלערנט, ווי אַ קינד לערנט זיך גיין.

געקלעפּט די כאַטע, געקאַלכט די ווענט, געשטעלט דעם דאַך, געגעבן דעם פערד צו טרינקען, געאַקערט די ערד, — זי געליבט מיט שרעק. געציטערט באַם שניט, געבענקט נאָכן שטעטל, געקרעכצט פון שוואַכקייט—נישט געבויגן די קני.

זיך פאַרביסן אין אַרבעט, געבויט און געלערנט.

זיך פאַראייניקט אין גרופּן, זיך גערופן כאַווער.

זיך פאַרקוקט אַף דער יוגנט, זיך גענומען צום בוך.

געבויט אַ קאָאָפּעראַטיוו, גאַרבעריי—אָבער אַלע אינייגעם.

* * *

און עס צעבליט גיך אַ אידיש לעבן.

קינדער ווערן געבוירן אַף ערד.

קליינע קינדערשע קעפּלעך טוליען זיך צו רייפע, אייגענע קאָרן-זאַנגען.

קליינע פיסלעך טרעטן אויס אַ וועג פון ברונעם צום הויז.

יונגוואַרג גיבן אַרויס אַן אייגענע צייטונג, לערנען זיך אַף טראַקטאָר-קורסן, האָבן אַ יעדיע אין לאַנדווירטשאַפט, זינגען בא דער אַרבעט, בויען דאָס לאַנד.

קינדער פון סטעפּ. קינדער פון רוסישער ערד — קייגמאָל וועלן זיי קיין שקלאַפן נישט זיין.

* * *

און עס וואַקסט דאָ זייער לעבן—און עס שפּינט זיך שוין אַ ליד פון דער ברוינער ערד, פון די שטאָלענע, גלייכע, נייע פליי-צעס—פון די גרינע סעדער און ווייטע פעלדער.

עס וואַקסט שוין די בענקשאַפט נאָך נייע אויצרעס — נאָך שולן פאַר די קינדער, נאָך בלעטער פאַר די אַלטע.

עס אַנטוויקלט זיך אַ נייער לאַשן—און פון אונטער די כורבוי-

נעם פון אידישע. וואונזן ווערט געבאָרן דער אייביקער אידישער וויץ—דער שטילער, דאָרפישער הומאָר.

קענט איר אַ בעסערן באַווייז פון עסמעטיק אין דאָרף, אין די נייע פאַנדן—ווען אַף די פענסטער שטייען בלומען-טעפּ, באַשיידענע נייע געוויקסן און אַ האַנט באַגיסט זיי יעדן פרימאָרגן און מע פרייט זיך איבער אַ רויטן קנאָספּ?

אָדער ווען אין קאָאָפּעראַטיוון סקלאַד ליגט 500 פּוד ווייץ—און מען איז פאַרזאָרגט ביזן שניט?

— ניין—איר ווייסט גאָר ניט פון די פריידן—פון די סימכעס!

היינט—ווער רעדט שוין פון דעם דאָרפישן ראַדיאָ!—ווען מאָס-קווע רעדט צו די יאַנאַווקער אָדער בערעזאָווקער אידן.

איבערוואַנדערער...

פון אָדעס, כערסאָן, קרים. ווייסרוסלאַנד, בירא-בידזשאַן.

ניט באַלפור האָט אייך געבוירן, ניט לארד פלומער * האָט אייך געבענטשט.

דער היסטאָרישער גאַנג פון דער גרויסער פעלקער-באַפרייענדער רעוואָלוציע האָט אייך געוויזן דעם וועג—און אַף אים מוזט איר גיין — אויב איר ווילט ניט צעטראַטן ווערן צו מענטשן-שטויב אַף די גרויסע וועגן פון לעבן.

בירא-בידזשאַן.

דעם 28 מאַרט 1928 יאָר האָט דער פּרעזידיום פון צ. אַ. ק. פ. ס. ס. ר. אָנגענומען אַ גרויסע, היסטאָריש-וויכטיקע באַשטימונג: פאַרפעסטיקן פאַרן „קאָמערד" צום דורכוויסיקן באַזעצן מיט אידן-האַ-רעפאַשניקעס דעם קאָלאָסאַלן פרייען ערד-שעטעך אַפן ווייטן-מיזרעך—בירא-בידזשאַן.

---

* באַלפור, פלומער —ביידע פאָרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג. באַלפור האָט אין 1917 יאָר צוגעזאָגט אַ אידישע מעלוכע אין פאַלעסטינע. פלומער — דער ענגלישער אויבער-קאָמיסאַר אין פאַלעסטינע — געוועלטיקט דאָרט איצט, ווי אַן עמעסער אַליינהערשער, און לאַכט זיך אויס פון באַלפורס צוזאָגענישן.

צוגויפשטעלער

דאָס ווילד-פרעמדע און ווייטע ביז דאַן וואָרט „בירע-בידזשאַן“ איז איצט אונז געוואָרן נאָענט, היימיש און טייער; אַ וואָרט, וואָס רופט בּאַ אונז אַרויס די ליכטיקסטע און פריידיקסטע האָפענונגען.

בירא-בידזשאַן, וואו מיר וועלן קאָנען באַזעצן באַ אַ מיליאָן אידן, וועט ווערן אויך דאָס אָרט, וואו עס וועט זיך אויסבילדן מיט דער צייט אַ אידישע אווטאָנאָמע געגנט אָדער רעפובליק.

בירא-בידזשאַן — אונזער צוקונפטיק אידיש-לאַנד — פאַרמאָגט נאָך דערווייל זייער אַ קליינע, אַ הייפעלע אידישע באַפעלקערונג, אָבער אַלץ דרייסטע און מוטיקע אידישע האָרעפּאַשניקעס.

און זיי האָבן שוין באַוויזן פאַר אַזעלכע 2—3 כאַדאָשים וואונדער צו באַווייזן — אָנגעהויבן אויפלעבן און באַלעבן אַ פוסט נאָך ניט באַטראָטן לאַנד.

איינע 2—3 כאַדאָשים — און מיר האָבן שוין אונזער ערשט מעלוכע-יאָנטעוו אין בירא-בידזשאַן: די גרינדונג פון דעם ערשטן אידישן דאָרפסראַט.

פראַגן:

1) צי איז פון אייער שטאָט אָדער געגנט געפאָרן עמעצער אין בירא-בידזשאַן?
2) וואָס שרייבן זיי פון דאָרטן?
3) ווי באַציט זיך די האָרעפּאַשנע אידישע באַפעלקערונג צו דעם באַזעצן אידן אַף ערד?

מ. קאַדישעוויטש

דער ערשטער יאָנטעוו אין בירא-בידזשאַן.

שאַבעס און זונטיק דעם 7-טן און 8-טן יולי 1928 יאָר האָבן העכער דריי הונדערט איבערוואַנדערער פּיאָנערן פון בירא-בידזשאַן געלייגט דעם גרונט-שטיין און אויסגעוויילט דעם ערשטן דאָרפסראַט, די פאַרוואַלטונגען פונם געבּרויך-קאָאָפּעראַטיוו און פון דער קרעדיט-געזעלשאַפט.

קעדיי צו פייערן צוזאַמען מיט זיי דעם ערשטן יאָנטעוו אין בירא-בידזשאַן זיינען געקומען פאַרטרעטלעכע פאָרשטייער פון פאַרטייאישע, סאָוועטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — פויערים, איבערוואַנדערער, כינעזער.

די וואַלן אין ראַט זיינען דורכגעגאַנגען באַ אַ גרויסער אַקטיווּ-
קייט. עס איז אַנגענומען געוואָרן דער גענויער אָנזאָג, וואָס דאָס קע-
מערל האָט פאָרגעלייגט, מיט איייניקע צוגאָבן. אין דאָרפס-ראַט זיינען
אויסגעקליבן געוואָרן ניין מיטגלידער און 4 קאַנדידאַטן.

דעם 7-טן אינאָוונט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ שטענדיקע
פאַרוואַלטונג פונם געברויך-קאָאָפעראַטיוו. דעם אָוונט האָט מען פאַר-
בראַכט באַם שייטער מיט מוזיק, געזאַנג און טענץ צוזאַמען מיט דער
יוגנט פון די רוסישע און אוקראַינישע פויערים.

דעם אַכטן אינדערפרי האָט מען אויסגעקליבן די ערשטע פאַר-
וואַלטונג פון דער קרעדיט-געזעלשאַפט.

דער ערשטער פלענום פונם בירא-פעלדער אידישן דאָרפס-
ראַט אין בירא-בידזשאַן, נאָך קימאַט דריי כאָדאָשימדיקע מאַטער-
נישן אין וועג, אין געצעלטן, אין רעגנס, מיט גנוס און אָן
וועגן, איז דורכגעגאַנגען באַ אַ געהויבענער שטימונג. פון אַלע
פאָנדן האָבן זיך צום בירער פעלד געלאָזט פאָרן יאָנטעוודיק-געשטים-
טע איבערוואַנדערער אַף פורן און רייטנדיק מיט פאָנען, מוזיק און מיט
פריידיקע לידער. אין צענטר הויף שטייט אַ טריבונע באַפוצט מיט
גרינס און מיט אידישע פאָנען, באַ דער זייט פון דער טרי-
בונע — צוויי טראַקטאָרס. אַף די דעכער פון די געביידעס
פלאַטערן רויטע פענדלעך. דער טאָג איז א העל-זוניקער און אַ היי-
סער. עס איז געקומען אַ קינאָ-פאָטאָגראַף, עס זיינען באַקומען געוואָרן
פיל באַגריסונגס-טעלעגראַמעס פון די פאַרטייאישע, סאָוועטישע און
געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון רספס"ר, פון אוקראַינע און ווייס-
רוסלאַנד און פונם איקאָר.

אין זייערע באַגריסונגען האָבן אַלע פאָרשטייער פאַרצייכנט די
היסטאָרישע באַדייטונג פון בירא-בידזשאַן און האָבן צוגעזאָגט מיט
אַלע קויכעס מיטצוהעלפן.

עס זיינען געשיקט געוואָרן ענטפער-באַגריסונגען אַ ריי אַנ-
שטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס.

מיט געזאַנג פונם „אינטערנאַציאָנאַל“ אַף אידיש און רוסיש האָט
זיך דער ערשטער פלענום געשלאָסן.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער

די שטים פון אָפּגרונט

(אַ בריוו פון פּאַלעסטינע)

טעל-אָוויוו* דעם 16-טן מאַרט 1928 יאָר.

ליבער.

וועגן ביזנעס (געשעפטן) ווילסטו מיסטאָמע וויסן?

איז ביטער, ביטער, ווי דער טויט און עפּשער נאָך ערגער. איך געהער אַצינד צו די גליקלעכע, וואָס אַרבעטן יעדן טאָג, סאַכאַקל 6 מאָל אין וואָך. איך אַרבעט אָף שטיינהאַקעריי בּאַם יאַם, אַ 5—4 קילאָמעטער פון מיר.

שטיי אויף 5, קום אַהיים נאָך 5, מיד און צעבראָכן פון לאַנגן שווערן טאָג ארבעט מיט דעם לאַנגן וועג. לייג זיך שלאָפן 7—8. און אַזוי גייט אַוועק אַ טאָג נאָך טאָג.

גלויב מיר—אַרבעטן מיטן 9—10 קילאָאיקן האַמער, אָדער אַפילע אַ 6 קילאָאיקן, שלעפן שווערע שטיינער, עסן זאַכן, וועלכע דאַרפן אָפּ-
אַרן דעם מאָגן, גיין נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט צופוס אהיים אין די
יחדן — איז ווייט ניט קיין גרינגע זאַך.

״ נאָך אַלעמען פאַרדינען 20 פּיאַסטער (איין רובל) א טאָג
ןט, וואָס קאָן צום לעבן פאַר 3 נעפאַשעס אין קיין פאַל

און ביטער, זאָג איך דיר, איז דאָס לעבן דאָ!

׳ בּרודערל, ווי לאַנג וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן, איז אַ
אַגע. ציעניסטן מאַכן מיט דעם אַרבעטער דעם באַוואוסטן
ן אידן מיט זיין פערדל. אָבער פונקט ווי יענץ פערדל
דאָ אויסציען די פיס גראָד, ווען די ציעניסטישע פּי-
נגען, אַז מיר האָבן זיך שוין גאָר אָפּגעוואוינט צו עסן.
ך, אַ ציידונג, אַ טעאַטער, אַ קינאָ, סטאָס אַ לעבעדיקן
מיר זיך לאַנג אָפּגעוואוינט. און פון אַ גאַנצע פאָר הויזן
שן, וועלכע לאָזן ניט דורך קיין וואַסער, האָבן מיר אויפ-
ילע צו כאָלעמען. מיר טראַכטן די גאַנצע צייט, מיר טרוי-

ל-אָוויוו — א שטאָט אין פּאַלעסטינע.

מען וועגן אוועקפארן פון דעם הייליקן לאנד. א טרוים, וועלכן עס טרוימען בעליגוזמע 90 פראצענט פון די היגע אישואווים.

וועגן דער לאגע דא ביכלאל?

איין ווארט — מע ליגט אין דר׳ערד. און צי זיי ווילן, צי זיי ווילן ניט — היינטיקע געשעענישן זיינען דער באנקראט פון דער ציען-ווירקלעכקייט.

האפענונגען? 7500 מענשן אפיציעל האבן קיין איין טאג ארבעט ניט און הונגערן מאמעש.

א לאנד פון שנארער, א לאנד פון צדאקע און כאלוקע-אידן — דאס איז די „פראדוקטיווירטע געזונטע״ פאלעסטינע.

פראגן:

1) ווי לעבט זיך די אידישע איבערוואנדערער אין פאלעסטינע?

2) צי געפינען זיי דארטן פאר זיך ארבעט, וועלכע זאל זיי געבן מיטלען צום לעבן?

3) וואס איז געווארן פון די ציעניסטישע כאלוימעס וועגן א אידישער מעלוכע אין פאלעסטינע?

איליא ערענבורג

ווי לעבט זיך אידן אין פוילן

אין די פאבריקן דערלאזט מען ניט קיין אידן. וואס ז
זיך אפ פאר די מיליאנען ארעמעלייט?

— האנטווערקעריי און האנדל.

וועבער, גארבער, טישלער ארבעטן אויס 80—120 ז
כוידעש, — א „הערינג״-ביודזשעט.

אט איז א גאס פון אידישע ארבעטער-וועבער.

זיי שטייען פון אינדערפרי ביז אוונט בא די וועבעריי
בעטן אויס דורך דער וואך א צוואנציק זלאטעס (א 4—5 רובל
קלעקט זיי בלויז אף א שטיקל ברויט און הערינג.

טיי?

ניין, אף טיי קלעקט שוין ניט.

און אז עס ווילט זיך פארט טרינקען נאכן הערינג?
טרינקט מען וואסער...

אזוי דאָס גאַנצע לעבן.

עס דרייען זיך די וועב-מאַשינען, עס איילן ארום זיי די וועבער— שנעלער, קעדיי אויסארבעטן די צוואַנציק זלאָטעס אף ברויט און הע-רינג, און עפשער אויך אַ פּאָר זלאָטעס אָפּשפּאָרן אף טאַכריכים...

ניט בעסער לעבט זיך דעם קליינעם הענדלער.

עס איז גוט, אויב נאָך אַ טאָג האַנדל שטעלט זיך אָפּ באַם הענדלער 5 זלאָטעס אין קעשענע.

אָט איז די גאַס פון הענדלער מיט אַלטע זאַכן.

זיי גריבלען זיך אין מיסט. איך גיי אַריין אין אַ כאַלופּע — אַ פינסטערע לאָך. איין בעט.

וויפל נפשות זיינט איר דאָ?

— ניין מענטשן.

— אַלע דאָ?

— אַלע.

— אף איין בעט?

— וואָס קאָן מען טאָן... באַ אָרעמע אידן זיינען גרויסע פאַמי-ליעס — דאַרף מען האָבן גרויס געדולד.

— וואָס איז אייער מאַלצייט?

— אַ הערינג.

דאָ איז דער הערינג אַלץ: זופּ, פרייד, טרערן — אַלץ!

דער פּראָצענט פון טובערקולאָזע קינדער — 50—60. די איבע-ריקע? —

ראַכיט און אנעמיע (בלוט-ארעמקייט).

וואָס פאַר אַ מעשונעדיקע פּראָפעסיעס באַגעגנט איר דאָ ניט!

אָט האָט איר אַ גאַס פון קאַטערינשטשיקעס.

דאָס איז אַ פּראָפעסיע, וואָס גייט איבער בעיערושע פון דויר צו דויר און דערצו אַן אַנגעזעענער פאַך.

די קאַטערינשטשיקעס גייען אַרום מיט שפּיל-פויגעלעך, וואָס ציען אַרויס „מאַזאָלעס“.

די אָרעמעלייט אַן פויגעלעך טיילן זיך אף צעכן.

איינע קאָנען גוט וויינען, זיי ווייסן אויסגעצייכנט, וואו ווער איז קראַנק.

„דאַכט זיך, אַז מויזער האַלט באַם שטאַרבן“, — און זיי היטן שוין מויזערס הויז. זיי וויינען אַף די לעוואַיעס און דערפאַר קריגן זיי שוין זייער לוין.

אַמאָל אַפילע מאַטאַנעס — אַלטע שיך, אַ קליידל, אַ היטל.

אַנדערע אַרעמעלייט האָבן זיך אויסגעקליבן כאַסענעס. זיי קאָנען שיין צואווינשן:

„איר זאָלט דערלעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלט איר דערלעבן“.

„באַ יעדערן זאָלן נאָר זיין זון און אַז זיי זאָלן...“.

און אַט האָט איר נאָך אַ פּראָפעסיע — אַרומגיין קוקן, צי זיינען ניט פאַסל געוואָרן די מעזוזעס.

אַזאַ „ספעציאַליסט“ קומט צו גיין אַ מאָל אין וואָך, גלייך ווי אַן אַנגעשטעלטער פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט אין אַ גרויסער שטאָט.

פאַר אַזאַ „אַרבעט“ באַקומט ער 20—30 גראָשן.

אונטער אַ יאָנטעוו קומען צו נייע „פּאַרנאָסעס“.

איינער טראָגט פאַנאַנדער שאַלעכמאָנעס פּורים.

דער אַנדערער פאַרקויפט פאַר יאָמקיפער כאַלאָשעס-טראָפן די, וואָס פאַסטן. דער דריטער קלייבט צונויף ערעוו פייסעך דעם כאָמעץ אַף צו פאַרברענען.

די לאַגע פון די אידן אין פוילן איז ביז גאָר אַן איינפאַכע.

דאָס איז דער הונגעריקער טויט פון אַרומגערינגלטע.

פראַגן:

1) פאַרוואָס לאָזט די פוילישע רעגירונג ניט צו די אידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן?

2) פאַרוואָס זיינען די פוילישע אידן געצוואונגען צו פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע „לופט-פּאַרנאָסעס“?

3) וואָס טוט די ראַטן-מאַכט אַף צו פאַרבייטן די לופט-פּאַרנאָסעס פון דער אידישער באַפעלקערונג מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט?

געדענקט די מילכאָמע געפאַר, זייט גרייט צו פאַרטיידיקן דעם פסס"ר!

מיר וועלן באַשיצן אונזער ראַטן-ערד!

איבערן ראַטנפאַרבאַנד הענגט און לויערט שטענדיק די מילכאָ-מע-געפאַר.

דער ראַטן-פאַרבאַנד איז אַ דאָרן אין אויג דער קאַפּיטאַליסטי-ר וועלט.

די קאַפּיטאַליסטן ווייסן אויסגעצייכנט, אַז וואָס שטאַרקער, וואָס ער עס ווערט אונזער פסס"ר אַלץ גיכער וועט קומען אַ סאָף צו הערשאַפט.

אַרף זי די וועלט-בורזשואַזיע פון אונז פּאַטער ווערן, וויל זי אַנבינדן אַ מילכאָמע און כאָרעוו מאַכן די קאָמוניסטישע פעס-ון די אונטערדריקטע פון גאָר דער וועלט — דעם פסס"ר.

מיר זיינען פאַרינטערעסירט אין אַ לאַנגדויערנדיקן שאָלעם, קע-זאָלן קאָנען פאָרזעצן אונזער סאָציאַליסטישע בויאונג אין ר קעמפן דעריבער שטענדיק און אומעטום פאַר שאָלעם. מיר עלייגט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און אויספירלעכן פון פולשטענדיקער אנטוואָפענונג. די קאַפּיטאַליסטן לוינט ר ניט. ווילן זיי ניט הערן ניט פון קיין אנטוואָפענונג, ניט שאָלעם.

און זיי גרייטן אַ מילכאָמע קעגן אונז.

דעריבער מוזן מיר זיך אויך גרייטן — און ענערגיש גרייטן — פאַרטיידיקן און באַשיצן אונזער ראַטן-ערד.

מיר מוזן פעסטיקן און שטאַרקן אונזער פראָלעטאַרישע רויטע מיר דאַרפן מיט אַ האַסטיקן טעמפּ אַנטוויקלען אונזער אינדו-און די לאַנדווירטשאַפט.



יעדער אַרבעטנדיקער בײַ אונז דאַרף שטענדיק געדענקען וועגן דערדאָזיקער מילכאָמע-געפאַר. יעדערער פון אונז דאַרף זאָרגן דערפאַר, ער זאָל ווערן קריגס-פעאיק. ער זאָל קענען, ווען דאָס וועט זיין נוי-טיק, זיין אַ מוטיקער, שטאַרקער און געשולטער שלאַכט-קעמפער.

בײַ אונז עקזיסטירן די באַוואוסטע געזעלשאַפט — „אסאַאוויאַ-כים" (געזעלשאַפט אַף מיטצוהעלפן דער פאַרטיידיקונג, דער אוויאַ-און כעמישער אַרבעט פון פסס"ר).

עס איז זעלטן פאַראַן אַ שטאָט, דאָרף און שטעטל, וואו עס זאָלן ניט זיין קיין „אסאַאוויאַכים" קעמערלעך, פאַבריק-זאַוואָדישע אדער ראַיאָנישע.

בײַ די קעמערלעך זיינען אָרגאַניזירט קרייזן פאַר מיליטערישע קענטעניש, אוויאַכים-קאָמאַנדעס, סאַניטאַר-קורסן א. א. וו.

איז יעדער פון אונז מעכויעוו אַקטיוו אַרבעטן אין „אָסאָאוויאַב און אויך אַליין לערנען אין די „אסאַאוויאַכים"-קרייזן און קאָמאַנדי

מיר דאַרפן זיך לערנען שיסן, קענען האַלטן פעסט אַ ביקס האַנט, וויסן ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַ קוילן-וואַרפער, מ האַנט-באָמבע, וויסן ווי אַזוי דורכצופירן מיליטערישע אויסשפירו פאַרבינדונגס-אַרבעט א. א. וו.

אין די היינטיקע מילכאָמעס שפילט, ווי באַוואוסט, אַ בײַ גרויסע ראָלע דער לופט-פלאָט און די כעמישע גאַזן.

דאַרפן מיר דעריבער וויסן ווי צו באַגיין זיך מיט אַ גאַ ווי צו באַשיצן זיך פון אַ לופט-אַטאַקע. באַזונדערס וויכטיק זיך באַגיין מיט אַ גאַזן-מאַסקע, זיך אויסלערנען זי אנטאָן גי, וואוינען זיך טראָגן זי אַ לענגערע צייט א. א. וו.

פאַר דער אידישער האָרעפאַשנער באַפעלקערונג, וואָס בּ הויפטזאַכלעך די גרעניץ-געגענטן פון אונזער מעלוכע (אוקראַי רוסלאַנד א. א. וו.) האָבן די פראַגן פון לאַנדשוץ אַן ערשו באַדייטונג.

צוליב דער נאָענטער שכיינעס מיט די פיינטלעכע מעלו רינגלען אונז ארום (פוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע א. א. די אידישע באַפעלקערונג, אין פאַל פון מילכאָמע, זיין, ווי די ערשטע אַפן פייער.

דעריבער דאַרף די אידישע אַרבעטנדיקע יוגנט, די עלטערע אי־דישע האָרעפּעשניקעס מיט אַ באַזונדער פלייס זיך לערנען די מילכאָמע־קונסט. מיר דאַרפן באַזונדער אַקטיוו אַרבעטן אין דער געזעלשאַפט פון „אָסאָאַוויאַכים“.

פ ר א ג ן : 1) זיינען בא אייך פאַראַן קעמערלעך פון אָסאָאַוויאַכים?
2) וואָס פאר אן אנטייל נעמט איר אין דער ארבעט פון דער געזעלשאַפט?
3) אין וואָס פאר אַ מיליטערישע קרייזן לערנט איר זיך?
3) ווער איז געווען פרונזע?

כאַווער ק. י. וואָראָשילאָוו

(פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר מיליטער און יאַם־איניאָנים)

געבוירן איז כ׳ וואָראָשילאָוו אין 1881 אין א באַטראַקישער פאַמיליע. פון 6 יאָר אָן געאַרבעט אין א שאַכטע, נאָכדעם געווען אַ פאַסטעך בא א פּאָרעץ. פון 12 יאָר אָן אַף אַ זאַוואָד, וואו עס האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן כ. וואָראָשילאָווס פּאָליטישע טעטיקייט.

אין דער רעוואָלוציאָנער באַוועגונג האָט כ׳ וואָראָשילאָוו אָנגעהויבן אנטיילנעמען אין 1899 יאָר. אין דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי-באָלשעוויקעס (איצט קאָמוניסטישע) איז ער אריינגעטראָטן אין 1903 יאָר. ער האָט אנטייל גענומען אין סטאָקהאָלמער (1906 י.) און אין לאָנדאָנער (1907 י.) צוזאמענפאָרן פון דער פּאַרטיי.

דער דעקאַבר-אויפשטאַנד פון די לוגאנסקער ארבעטער אין 1905-טן יאָר האָט אים באַפרייט פון דער צאַרישער טורמע — און דאן ווייטער יאָרן אונטערערדישע ארבעט.

אין טורמע איז כ׳ וואָראָשילאָוו אָפּגעזעסן 3 יאָר, פאַרשיקט איז ער געווען 5 יאָר.

די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע האָט ארויסגערוקט כ. וואָראָשילאָוו אין די פאָדערשטע רייען אָף די פראָנטן פונם בירגער-קריג. צוזאַמען מיטן כ׳ פרונזע האָבן ער געשאַפן די באַרימטע, העלדישע 1-טע רייטער-ארמיי. ער איז געווען א מיטגליד פון רעוומיליטראַט. פון 1920 יאָר אָן — א מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון אל. ק. פּ. (ב.).

נאָכן טויט פון כאַווער פרונזע, פון נאָיאַבר 1925 שטייט ער אין שפּיץ פון דער רויטער ארמיי אלס פאָלקס-קאָמיסאר פאַר מיליטער- און יאַם-איניאָנים און פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן ראַט.

פראגן:

1) ווער האָט אָנגעפירט מיט דער צאַרישער ארמיי?
2) צי זיינען געווען צווישן די צאַרישע גענעראַלן ארבעטער און האָרעפּאשנע פויערים?

כאַווער יוינע יאַקיר

דער הויפּטקאָמאַנדיר פון דער רויטער ארמיי אין אוקראינע

— געבוירן איז ער אין 1896 יאָר, אין אַן אָרעמער אידישער פאַמיליע פון טיראספּאָל, און צו 20—21 יאָר (אין 1917) פאַרנעמט שוין יוינע אַן אָנגעזעענע אָרט אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער. שוין אָף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע, אָנהויב 1918 יאָר, טרעט ער אריין אָלס פּאָשעטער רויטאַרמייער אין די ערשטע מאַכנעס

רויטגוואַרדייער. אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום באַקומט ער שוין אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. פון דאָרעם גרייפט אָן אַף דער רויטער מאָסקווע דער גענעראַל קראַסנאָוו. אים קאָן פאַרהאַלטן נאָר די האַלבפאַרטיזאַנישע, האַלב-באַנדיטישע טייל פונם אַטאַמאַן סאַכאַראָוו, ער איז, קלוימערשט, אַף דער זייט פון די באָלשעוויקעס. סאַכאַראָוו וויל אין אַנטשיידענעם מאָמענט אָפּטרעטן פון פראָנט. סאַכאַראָוון מוז מען אומבאַדינגט פאַרהאַלטן. נאָר ווער? ווער קאָן צווינגען סאַכאַראָוון אונטערוואַרפן זיך? דאָס האָט געטאָן דער כ׳ יאַקיר. אַף אַ לאָקאָמאָטיוו קומט ער צו פאָרן אין סאַכאַראָווס טייל. אַרומגערינגלט אומעטום פון באַנדיטן, מעלדעט דרייסט כ׳ יאַקיר דעם אַטאַמאַן סאַכאַראָוו: „צום אַלרוסלענדישן צענטראַל אויספיר-קאָמיטעט זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דו ווילסט פאַראַטן די ראַטנמאַכט. איך בין געקומען די קלאַנגען אויספאָרשן, און אויב ס׳איז עמעס, דערשיס איך דיך“.

און כ׳ יאַקיר האָט זיינס אויסגעפירט. סאַכאַראָוו איז געבליבן אַפן פראָנט.

1919 יאָר. דעניקין האָט פאַרנומען אוקראַינע, קורסק, אָריאָל און גרייפט אָן אַף מאָסקווע. די דאָרעמדיקע גרופּע פון דער רויטער אַרמיי איז אָפּגעשניטן פון דער צאָפנדיקער און איז אַרומגערינגלט מיט פיינט אַף עטלעכע הונדערט וויאָרסט. די ווייסע זיינען שוין זיכער אין ניצאָכן.

נאָר כ׳ יאַקיר — דער קאָמאַנדיר פון דער דאָרעמדיקער גרופּע — גיט אַרויס אַ באַפעל: „קיין פרויען ניט נעמען, ווער ס׳האָט קיין מוט ניט זאָל בלייבן. די דרייסטע דאַרפן זיך דורכרייסן, וואָס ס׳זאָל ניט קאָסטן“.

און עס הויבט זיך אָן אַ ניטגעהערטע אין דער געשיכטע פון בירגער-קריג אָפּעראַציע. כ׳ יאַקיר פירט אַרויס די גאַנצע גרופּע פונם סוינעס אַרומרינגלונג. דערפאַר באַקומט ער דעם ערשטן אָרדן פון דער רויטער פאָן.

אין 1920 יאָר קעמפט כ׳ יאַקירס גרופּע מיט אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט קעגן די פּאָליאַקן, פאַרוואָס ער באַקומט דעם 2-טן אָרדן.

1921 יאָר. כ׳ יאַקיר ווערט באַשטימט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון קיעווער מיליטער־קרייז. אונטער זיין אָנפירונג ווערן אויסגעראַמט פון דער רעכטבּרעגיקער אוקראַינע די רעשטלעך גרעסערע און קלע־נערע באַנדעס.

פאַרענדיקט דער קריג, אָבער — די מילכאָמע־געפאַר לויערט נאָך. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט ווערט אָפּגעגעבן אַף דערציען נייע קאָמאַנדירן. כ׳ יאַקיר ווערט באַשטימט אַלס שעף פון די מיליטע־רישע הויכשולן. אויך דאָ ווייזט ער זיך אַרויס אַלס גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר. אין סאָף 1925 יאָר, ווען ס׳איז נויטיק געווען אַ נייער שטאַרקער אָנפירער מיטן אוקראַיניש־קרימער מיליטער־קרייז, שטעלט זיך די פּאַרטיי אָפּ ניט אַף קיין אַנדערן ווי אַף יאַקירן.

אָט דאָס איז אין קורצן כּאַווער יוינע יאַקיר, אין וועמעס הענט ס׳ליגט איצט די אָנפירונג מיט די רויטע כאַיאַלעס אין אונזער ראַטן־אוקראַינע.

פראגן:

1) איז פאראן א קאפּיטאליסטיש לאנד, וואו א איד זאָל קאנען זיין דער העכסטער אָנפירער פון דער ארמיי?

2) פארוואָס איז דאָס מעגלעך אין אונזערער אַ ראטן־רעפּובליק?

עס טאָר ניט זיין קיין איין אַרבעטער, קיין איין פּויער און האָרעפּאַשניק, וואָס זאָל ניט זיין אימשטאַנד צו פאַרטיידיקן מיט געווער אין האַנט זיין אַרבעטער־פּויערשער מעלוכע.

אין דער צארישער ארמיי

די גאַנצע ראָטע האָט זיך געגרייט...

מע האָט זיך געריכט אַף אַ „הויכן גאַסט“, אַפן דיוויזיע־גע־נעראַל.

האָט מען צוויי וואָכן דורכאַנאַנד געראַמט, געריניקט די קאַ־זאַרמעס. געמאָסטן און צוגעפּאַסט די מונדירן, געמושטירט און גע־לערנט.

באַזונדערס האָט מען געמוטשעט די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען שוואַך אין הילכעס שטיין „גראַציעז“ פאַר אַ קאָמאַנדיר,

אַרויסשטאַרצן די ברוסט און די אויגן אַפן קאָמאַנדיר און שרייען מיט אַלע קויכעס: „זדראַוויע זשעלאַיעם“.

די „טויגניכטסן“-סאָלדאַטן, וואָס האָבן בעשום אויפן דידאָזיקע טוירע ניט געקאָנט איינבייסן, האָט מען צעשטופט אין פאַרשיידענע לעכער צום דעזשורירן, קעדיי זיי זאָלן זיך ניט אָנטרעפן דעם גענעראַל אַף די אויגן.

אַלץ איז שוין געווען גרייט, ווען עס איז אָנגעקומען אַ גראָבער בער, גראָער גענעראַל און האָט אָנגעהויבן ארומגיין און באַטראַכטן די סאָלדאַטישע רייען, אויסגעשטעלטע אין פראָנט.



ווי אַזוי מע האָט געלערנט אין דער צאַרישער אַרמיי

די סאָלדאַטן זיינען דערציטערט געוואָרן, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אַף די שפּיצן פון די שטיוול, אַף די בלעכלעך פון די היט-לען און האָט זיך דערביי געגריסט מיט זיי.

אָט וועט עס זיין צאָרעס, — האָבן זיי געטראַכט, — וועט עס זיין שלעכט. דער ראָטנע וועט אויפעסן, דער פעלדפעבל וועט פאַרמוטשען.

באַזונדערס האָט געציטערט פאַר אַ דורכפאַל דער שוואַכער שלוימע קאַצנבוים.

ער האָט באַקומען אַ שלעכטן בריוו פון דער היים. דער פאָטער איז געשטאָרבן, דאָס ווייב איז קראַנק און דאָס קינד איז געבליבן אַף העפקער. גייט ער אוים פון בענקעניש אַהיים. עס ווילט זיך אים כאָטש אַף אַ וואָך פאָרן אַהיים און זיי וויפל עס איז מיטהעלפן. און דאָ גייט אונטער זיין אורלויב-צייט.

נאָר דער ראָטנע האָט אים געדראָט:

געדענק. מאַרדע איינע, אויב דו וועסט נאָר דורכפאַלן בעאייסן גענעראַלס באַזוך וועל איך דיך אין אָסטראָג פאַרמוטשען, פאַרפוילט וועסטו בא מיר ווערן.

האָט זיך איצט שלוימע אין דער דרויונג דערמאָנט. מיט אַלע קויכעס האָט ער אַרויסגעשטאַרצעט די אויגן, אַרויסגעשטעלט די שוואַכע ברוסט. דער גענעראַל דערנעענטערט זיך שוין צו זיין ריי. אָט האָט ער זיך אָפּגעשמועלט בא שלוימעס שאָכן.

— וואָס שטייסטו, הינטישער זון, ווי אַ קאָטשערע, העכער די נאָז, קוק ווי אַנדערע שטייען.

און האָט אַ ווייז געטאָן אַף שלוימען.

— אָט, זעסט ווי מע שטייט. מאָלאָדיעץ, ברודערל, — האָט דער גענעראַל שלוימען געלויבט.

— „ראַד סטאַראַטסיאַ“! (גרייט צו סטאַרען זיך) — האָט מיטן גאַנצן קויעך אויסגעשריען שלוימע. אין דעם אויגענבליק האָט זיך אים שוין פאָרגעשטעלט דער מאַמעס פרייד, ווען ער וועט קומען (אַ איצ-טער וועט מען אים שוין אָפּלאָזן אין אורלויב).

נאָר פלוצלינג האָט אים דער גענעראַל כאַשעדיק אַ פרעג געטאָן:

— פון וועלכער גובערניע ביזטו?

— פון מינסקער, אייער עקסעלענץ.

— אַ איד?

בא שלוימען איז דאָס האַרץ שיר ניט אַרויסגעפאַלן פאַר שרעק. נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און דרייסט געענטפערט:

— „טאַק טאָטשנאָ“ (ריכטיק אַזוי) — אייער עקסעלענץ.

— אויסוואורף, ווי עס שטייט דאָס אביסל. גלייכט זיך אויך צו מענטשן.

דער גענעראַל, אַן אויגעכמורעטער, איז אַוועק ווייטער.

דער ראָטנע האָט בייז אַ שטויס געטאָן שלוימען אין בויך.

— אונטערגעפירט.

אַן עק מיטן אורלויב — האָט שלוימען געוויינט דאָס האַרץ.

שלוימען האָט מען טאַקע אין אורלויב ניט געלאָזט. די טאָינע איז געווען, אַלעמאַי האָט ער זיך אָנגעטראָפן דעם גענעראַל אַף די אויגן.

נים בעטער איז אויך געווען די לאַגע פון אַנדערע נים רוסישע סאָלדאַטן אין דער צאַרישער ארמיי.

פּאָליאַקן, — האָט מען דאָרט געלע־נט, — זיינען פיינט.

טאָטערן פלעגט מען פאַרטרייבן אין די פאַרוואָרפנסטע עקן פון דער אימפעריע.

אַלעמען האָט מען גענויט זינגען רוסישע טפילעס, מיליטערישע קענטעניש האָט מען געלערנט נאָר אָף דער רוסישער שפּראַך, כאָטש דער קירגיז, לעמאָשל, האָט קיין איין וואָרט דערביי ניט פאַרשטאַנען.

מע האָט צונויפגעטריבן אין די קאַזאַרמעס, צונויפגעוואָרפן אין איין קופּע צענדליקער פאַרשיידענע שוואָטים און פעלקער און מע האָט געפּאָדערט, אַז יעדער פון זיי זאָל פאַרגעסן ווער ער איז און זאָל ווערן אַ רוס, ער זאָל העלפן דעם קייסער אונטערדריקן זיין אייגן פאָלק.

פראגן:

1) וואָס האָט געזאָגט דער גענעראַל וועגן שלוימען, ווען ער האָט ניט געוואוסט, אז ער איז א איד?

2) ווי האָט זיך געביטן זיין באַציאונג, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אז שלוימע איז א איד?

3) פאַרוואָס האָט מען זיך אין דער צאַרישער ארמיי שלעכט באַצויגן צו אידן און צו אַנדערע ניט רוסישע פעלקער?

4) ווי באַציט מען זיך צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער רויטער ארמיי?

ש. ראָסין

בערל בעקער

בערל בעקער איז אַ פּראָסטער אינגל,
זיינע אויגן זייבען מעליק גרוי.
צו דרייצן יאָר — גאָר אַ קינד נאָך —
האָט ער שוין געקנאָטן קאָסטנס ברויט.

בערל בעקער ווייס, וואָס נויט איז.
און עפּעס נאָך ווייס בערל גוט, —
דערפאַר האָט ער אַזוי דערפרייט זיך
מיטן רויטן שטערנדל אין גרינעם הוט.

מענדל וועלטמאַן

אין דער רויטער קאַזאַרמע

ביז דער סיגנאַליסט שניידט דורך די פֿרימאָרגן-לופֿט מיט זיין מעשענעם טרומייט ליגט די רויטע קאַזאַרמע פאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף. ס'שלאָפֿט נאָר ניט דער „טשאַסאָוואָי“.

נאָר אַט דערהערט זיך דער פֿריילעכער רוף פֿון מעש און אַלץ אַרום הויבט זיך אָן באַוועגן און טומלען. ס'איז די צייט פֿון אויפֿשטיין.

אָפּגעוואַשן זיך גיך און געשיקט. פֿעסט אָפּגעריבן די הענט מיט זייף, גוט אויסגעפּוצט די ציין מיט אַ בערשטל און ציין-פּראָשעק. דער פּראָשעק ווערט אָפּגעהיט טרוקן און ריין ווי דער פּולווער אין ביקס.

ווידער רופֿט דער סיגנאַל.

ניט צו פֿרישטיק און ניט צו די לימודים—דערווייל צו גימנאַסטיק. דער קאָפּ איז נאָך אַביסל פֿאַרנעפּלט און לימודים פֿאָדערן אַ פֿרישן און קלאָרן קאָפּ. אַרויס אויף אַ פֿעדמול שאָ פֿון קאַזאַרמע אויף פֿרישער לופֿט, אויף דער קעלט. לויף, שפּרינג. די גלידער צענעמען זיך. די באַקן פֿאַרויטלען זיך און — אָנגעלאָדן מיט פֿרייד — צוריק אין קאַזאַרמע.

בעתים די לימודים לערנט מען מיליטערישע טעאָריע און פּראַקטיק, דיסציפּלין. יעדער קעמפֿער דאַרף פֿולקום זיך קענען באַגיין מיט דער ביקס און מיטן קעגנגאַז. ווייל אויף יעדער זאַך האָט איר דאָ אַ ווערטל, וואָס מע קאָן עס בשום אופֿן ניט אָפּלייקענען. „ס'איז ניט שרעקלעך דער גאַז, אויב ס'איז פֿאַראַן אַ קעגנגאַז“. „אויב דו ווילסט ניט רייניקן און שמירן די ביקס, וועט די ביקס דיך אַמאָל אויסשמירן“; די פֿאַרבינדלערס דאַרפֿן געדענקען, אַז „פֿאַרבינדונג איז דער נערוו פֿון אַרמיי“. דער סאַפּיאָר דאַרף געדענקען, אַז „דעם סאַפּיאָרס שווייס וועט אָפּראַטעווען דעם אַרמייערס בלוט“.

די פּאָליטישע צוגרייטונג ווערט אין דער רויטער קאַזאַרמע צוגעפּעסטיקט צו דער מיליטערישער, ווי אַ שפּיז צום ביקס. זי פֿאַרשטאַרקט דעם אַרמייערס באַוואָפֿענונג, ווייל דער אַרמייער דאַרף

וויסן, קענן ווען ער צילעוועט זיין ביקס. דערפֿון וועט זיין אויג ווערן געשיקטער, די הענט זיכערער, זיין קאַמף-גייסט — פאַרהאַרטעוועטער.

און ווידער רופט דער טרומייט.

מיטאָג, צווייטשאָעדיקער אָפּרו און שלאָף, טאַקע עמעסער שלאָף. ניט ארומגיין, ניט זיצן, ניט רעדן. אפילע לייענען טאָר מען ניט—ליג און שלאָף.

אינאָוונט לעבט אויף דער קלוב און ס׳ווערט טומלדיק אין די לענינשע ווינקלען. דער קלוב איז פאַרגאָסן מיט עלעקטרישער ליכט. דאָ האָט איר וואָס איר ווילט נאָר: קינאָ, ספּעקטאַקל, קאָנצערט,



אין שול פאַר רויטע אַרמייער

אַגיטגעריכט, פאַרטעפּיאַן, האַרמאָשקע. ווען ס׳איז צו טומלדיק, ווער ס׳וויל אַ קנייטש טאָן מיטן שטערן, עפּעס לייענען, שרייבן — זייט מויכל אין לענינשן ווינקל. דער אוילאָם דאָ איז פאַרטיפֿט אין צייטונגען, ביכער. אַלעמאָל ווענדעט זיך עמעצער אַנדערש צום פּאָליטאָנפירער:

כ׳ פאַליטרוק, וואָס איז דער טייטש—אַקטועל?

— וואָס מיינט מען—קאַפּיציענט?

אַמאינטערעסאַנטסטן איז פאַר די רויטאַרמייער דער שמועס וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע. דאָ אין אַרמיי שענקט מען אים די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. אַלע געדענקען, אַז „ס׳אַרבעט“ ערגעץ דער ענגלישער מיניסטער. אַז ערגעץ אין אַנדערע קאַזאַרמעס שטייען אַנדערע זעלנער אונטערן ביקס און פּולעמיאָטן זיינען גרייט אריינצושלינגען פרישע לענטעס מיט קוילן. מע פילט דאָרט אַן באַלאַנען מיט גיפטיקע גאַזן.

מיט די פּראַקטישע און פּאָליטישע לימודים פלאַנצט מען איין אין יעדן אַרמייער ווילן, אויסגעהאַלטנקייט און שטייפקייט. אין קאַזאַרמע איז אַלצדינג שטענדיק גרייט, ס׳געווער איז גרייט צום קאַמף און יעדער איינער ווייסט זיין אָרט אין ריי.

פאַרן שלאָפן זינגט מען לידער, לידער מיט וועלכע ס׳האָט אָפּגעהאַלטן אַזרע ניצכוינעס די רויטע אַרמיי אין יענע העראָישע אומפאַרגעסלעכע יאָרן. באַגייסטערט זינגט יונגוואַרג און מיט ברען. נאָכן געזאַנג שלאָפט זיך בעסער.

ווידער הערט זיך דער רוף פון מעש. טרומייט זאָגט אָן: געענדיקט דער אַרבעטס-טאָג. ס׳איז צייט פון רו אין רויטער קאַזאַרמע, שלאָפט איין מיט אַ יונגן קרעפטיקן שלאָף.

עס שלאָפט נאָר ניט דער וועכטער.

פּראַגן:

1) צי האָט איר געהערט פון וועמען עס איז וועגן דעם לעבן אין דער צאַרישער קאַזאַרמע?

2) פאַרגלייכט די צאַרישע קאַזאַרמע מיט דער רויטער קאַזאַרמע.

די רויטע אַרמיי גרייט ניט בלויז קעמפער — די רויטע אַרמיי איז אַ שול פון סאָציאַליזם פאַר מיליאָנען פויערים און אַרבעטער.

נ אָ ט ק ע

„מיר זייַנען די יונגע גוואַרדיע״

אויפֿן האַלב-טונקעלן וואָקזאַל האָבן זיך ביסלעכווייַז צונויפֿגעקליבן אַ כאַפּטע יאַטן, מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס און אין די הענט. און גרופּנווייַז, פֿאַרזיכטיק און לאַנגזאַם האָט מען אַרומגעשפּאַצירט איבער דער אַספֿאַלטענער פּלאַטפֿאָרם.

ווען די לופֿט איז געוואָרן פֿייַכטער און קילער, און ס׳איז אַרויס אַ קילער רעגן, האָבן זיך די כעוורע צונויפֿגעקליבן אין וואָקזאַל. און איבער די טונקעלע צימערן פֿונעם וואָקזאַל, וואָס זייַנען געוואוינט צו רואיקייט, האָט זיך צעטראָגן אַ מונטערע און דרייסטע ליד.

„מיר זייַנען די יונגע גוואַרדיע פֿון אַרבעטער און פּויערים״.

דאָס געזאַנג האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און האָט פֿאַרשלייַדערט די כעוורע אין אַ פֿלינק דריידל.

צווישן דעם מישמאַש פֿון פֿאַרשיידענע לידער, וואָס דערמאָנען מיט זייער אימפּעט אָן די גרויסע רוסישע ברייטקייטן, האָט זיך אויסגעטיילט אַ הילכיקע ליד פֿון אַ כאַפּטע אידישע יאַטן: „דעם העלן טאָג אַנטקעגן, כאַווירים, קומט אין שטרייַט!״...

און די ליד אויף מאַמע-לאָשן האָט פֿאַרייניקט אַלעמען אין איין רעדל און שפּעטער קימאַט ווי איין וואַגאָן.

אויסגעפֿירט

אונזער האַרטער וואַגאָן, וועלכער איז פֿאַרפֿילט געווען פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט די יונגע פּריזיוויניקעס, איז שוואַך באַלויכטן געווען מיט אַ צעשמאָלצענער סטאַרינאָווער ליכט.

מער ווי אַ האַלבער וואַגאָן איז פֿאַרפֿולט געווען מיט אידישע שטעטלדיקע יאַטן, אויך דערפֿאַר איז דאָ די באַוועגונג געווען שטאַרקער, ווי אין די איבעריקע און דער טומל גרעסער. אַרום מיר אויף דער דריטער באַנק, וואָס שפּאַרט זיך קימאַט אָן אין דאַך, האָבן זיך צעלייגט עטלעכע יאַטן. מע האָט באַזונדער לעבהאַפֿט גערעדט צווישן זיך, הויך אויפֿן קאָל. זיי זייַנען געווען צופֿרידן און האָבן הילכיק געלאַכט

די יאַטן, וואָס זיינען צוזאַמען מיט מיר געלעגן אָף דער דריטער באַנק, האָבן מיט האַנאַ פאַמעלער אויסגעטאָן די שטיוול און מיר דערציילט.

— אַזוי גרינג מיינסטו נעמט מען דאָס איצט צו אין דער רויטער אַרמיי? אָך, האָט מען באַ אונז געשניטן, אָבער מיר האָבן אויסגעפירט.

— 2 קאָמיסיעס אַדורך, נאָך דער ערשטער האָב איך געמיינט, אַז ס'איז שוין קאַפוט. און באַצקל דער יאָלד, אָט זיצט ער, האָט גע־טאַינעט, אַז ס'איז שוין אַ נעכטיקער טאָג, פאַרפאַלן, מע וועט אונז ניט צונעמען. אָבער באַ מיר איז אַנדערע רייד, וואָס הייסט ניט צו־נעמען?..

וואָס האָבן די צופרידענע שטעטלדיקע יאַטן אויסגעפירט? וואָס איז זייער פרייד אַזוי גרויס?

די מאַיסע איז אַזאַ:

מיט אַ פּאָר כאַדאָשים פריער אינם וועג האָט אַ מעדיצינישע רעוויזיע דריי פון זיי אַנערקענט פאַר פיזיש שוואַך און ניט אַנטוויקלט איז געווען אַ פראַגע, צי וועט מען זיי נעמען אין דער אַרמיי. די בעוורע האבן אָבער זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע אומבאַדינגט ניט „פאַרבראַקירט" צו ווערן.

— מער פעלט ניט, ווען מע פאַרבראַקירט מיך. ס'וואָלט דאָך געווען אַ כאַרפע פאַר זיך אַליין און פאַר אַלעמען. וואָס — אַ שלימאַזל־ניק אַ יעשיווע־באָכער בין איך? פרואווט אַריבערשרייען דעם טומל אַ לאַנגער, דאַרער יאַט, וואָס פון זיינע הענט שמעקט מיט דעמבענער קאָרע און געווייקטער פעל. קיין מיידל וואָלט דאָך ניט געוואָלט פאַר מיר כאַסענע האָבן. וואוהין טויג אַ פאַרבראַקירטער...

קעדיי אָבער ניט פאַרבראַקירט צו ווערן האָבן זיך די בעוורע גלייך נאָך דעם ערשטן מעדיצינישן אונטערזוך אָרגאַניזירט אין אַ פיזקולטור־גרופע. אַלע פאַרטאָג פאַר דער אַרבעט און אַלע פאַר־נאַכט נאָך דער אַרבעט האָט מען זיך פאַרנומען מיט פיזקולטור.

— איך האָב באַ דער מאַמען באַשטעלט אַלע טאָג אַ קוואָרט מילך, — נישקאַשע, איידער האָבן אַ פאַרבראַקירטן זון איז שוין גלייכער פּאַטערן אַן איבעריקע קוואָרט

— און איך האָב זיך אָנגעליינט אַף פּעטס, געפרעסן, וויפיל קויער עס איז געווען, פאַר די 2 כּאַדאַשים און 16 טעג האָב איך דע-רויף אויסגעגעבן 11 ר. 80 קאָפּיקעס, אָבער געקראָגן די עמעסע מאָרדע...

די כּעוורע האָבן זיך צעלאַכט. זיי זיינען צופרידן מיטן גאַנצן האַרצן. זיי האָבן אויסגעפירט. מע האָט זיי ניט פאַרבראַקירט. מע האָט זיי צוגענומען אין דער רויטער אַרמיי.

לידער פון אַמאָל

און ליגנדיק מיט דער כּעוורע אַף דער דריטער באַנק, האָב איך זיך ניט ווילנדיק דערמאָנט די מאַיסעס פון מיין אַלטן טאַטן און איי-גענע איבערלעבונגען, וואָס קלינגען אַצינד אַף אַזוי לעגענדאַריש-מאָדנע. אונטערן קלאַנג פון דער קאַמפּספּולער, מוטיקער ליד „דעם העלן טאָג אַנטקעגן“, איז מיר אין זינען געקומען די מאַרעשכווירעדיקע, קלאַגעדיקע וואָכן אַמאָל מיט אַ יאָר 15—16 צוריק אינם פאַרוואָר-פענעם שטעטל פאַרן גיין זיך שטעלן צום פּריזיוו. ס'דערמאָנט זיך די טרויעריקע און הילפסלאָזע לידער, וואָס פלעגן באַגלייטן די שטעטל-דיקע פּריזיוווניקעס אינם שרעקלעכן וועג פאַר זיי. געגאַנגען זיינען זיי אונטערן דראַנג פון אוריאַדניק, ניט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס און צוליב וואָס. קינד און קייט האָבן מיט אייכע ניגן געזונגען:

„זיי געזונט מיין געליבטע מוטער, אַי, וויי, גוואַלד!
מיר איז שלעכט און דיר איז ביטער, אַי, וויי, גוואַלד!
זיי געזונט מיין געליבטע מומע, אַי, וויי, גוואַלד!
וואָלט איך האָבן אַ פּוס אַ קרומען, אַי, וויי, גוואַלד!
זיי געזונט און בעט פאַר מיר גאָט, א. א. וו.
אָדער:
„ווער וועט אַף מיין קייווער וויינען, ווער וועט נאָך מיר קלאָגן,
ווער וועט נאָך מיר קאַדעש זאָגן“ א. א. וו.

די לידער פלעגן מערסטנטייל זינגען די פאַמיליעס, וואָס זייערע זין און ברידער פלעגן גיין דינען. און זיי, די „נאָוואָבראַנצעס“ אַליין. ווער ס'האָט נאָר געקאָנט האָט זיך אַרויסגעדרייט, זיך קאַליעטשעט. דאָס האָט געהייסן — אַראָפּגעפּאַטערט דעם פּריזיוו.

דער לעצטער בריוו פון מיין טאטן

און אט אזוי, דערמאנענדיק זיך אין אלטן טאטנס מאיסעס פון אמאל, נעם איך ארויס פון טאש דעם טאטנס לעצטן בריוו צו מיר:
„לבני היקר נתן נאטע נ"י *

דיין בריוו האבן מיר פאלוטשעט, אדאנק גאט פאר דיין געזונט, דאס נעמלעכע פון דיר צו הערן אף ווייטער. בא אונז איז בארעך האשעם אלעם בעשאלעם, בלאגאפאלוטשנע. מעקויעך דעם, וואס דו שרייבסט אונז, אז דו גייסט דינען, קאן איך דיר שרייבן מיין קוק, אז מיר וואלטן בעסער געוואלט, אז דו זאלסט צו אונז קומען אף אביסל צייט אין אטפוסק. נאר אויב דו דארפסט דינען, איז דאך שוין אפגערעדט, דארף מען, ס'איז דאך ניט אמאליקע צייטן. ווי מיר הערן דא, איז איצט גאר א טשעסט צו דינען אין דער קראסנאארמיע. איך פארגעס קיינמאל ניט, אז די ארמיע האט אונז פארהיט פון די באנדיטן און פון אלע שלעק ראכמאנע ליצלאן. דאס דארף מען ניט פארגעסן. געווים וואלטן מיר וועלן זיך זעען מיט דיר, דערווייל גערישט דיר די מאמע און די שוועסטער, ממני אביך ** מנחם".

איך האלט דעם צעקניטשן בריו פון מיין טאטן, וואס איז צענדליקער יארן געוועזן זיכער, אז זיינע זין און אייניקלעך וועלן בעשום אויפן ניט גיין דינען, פונקט ווי זיין זיידע, ווי ער און זיינע פיר ברידער. איך זע, ווי מיין גראער טאטע איז מער פארשטאנדיק געווארן און האט דערפילט, „אז ס'איז ניט אמאליקע צייטן". ער אפילע האט שוין דערפילט, אז די רויטע ארמיי איז עפעס גאר אן אנדער זאך, זי האט גאר אנדערע אינטערעסן. אז דער, וואס גייט אהין, ווייסט צוליב וואס ער גייט און ער דארף גיין.

פראגן:

1) ווי האבן זיך די אידן באצויגן צו דער צארישער ארמיי?
2) ווי באציען זיך די אידישע הארעפאשניקעס צו דער רויטער ארמיי?
3) פארוואס גייט די אידישע ארבעטנדיקע יוגנט גערן אין דער רויטער ארמיי?

* „ליובני היאקאר נאסן נאטע ניידוי יאאיר", ד. ה. צו מיין טייערן זון נאטן נאטע זאל זיין ליכט שיינען.

** מימעני אוויכא, ד. הייסט פון מיר דיין טאטן.